STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01795

FUN EYNEMS A TOGBUKH

H. Kusnetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים קרוזנעץ

פון איינעמס אַ טאָגבוך

מיט אַ פּאָר ווערטער פון א. אַלמי

פאַרלאַג מ. גאָלדפאַרב ● ● וואַרשע, 1931

Copirigth by H. Kusnetz

Fun Einems a Tugbuch

Printed in Poland

W a r s z a w a, 1 9 3 1

Druk. B-ci Feder Franciszk. 6

אַ פּאָר ווערטער

חיים קוזנעץ, דער מחבר פון „איינעמס אַ טאָג-בוך”, איז אַ יונגער אַרבעטער אין אַ ניו-יאָרקער פאַבריק; איינער פון די געציילטע האָרעפּאַשניקעס, וואָס פירן אַ טאָפּלט-געראַנגל: קעגן דער גראָער וואָכעדיקייט אין דער אַמעריקאַניש-יידישער גאַס; און קעגן דער מגושמדיקער, מאַטעריאַליסטיש-אַטעאיסטישער אידעאָלאָגיע פון די ראַדיקאַל-פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען.

אָבער ער פירט אויך אַ פאַרביסענעם געראַנגל מיט זיך — און קעגן זיך אַליין, קעגן דעם אייגענעם „איך” און קעגן דער אייגענער נאַטור, וואָס קאָן נישט שלום מאַכן מיט דעם אַרום, און קאָן אָבער אויך אין דעם כאַאָס נישט געפינען קיין נייעם און זיכערן וועג; די דאָזיקע ראַנגלעניש שפּירט זיך אין די לידער, וואָס ער האָט פריער פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צייטשריפטן און נאָך מער — אין זיינע טאָג-ביכער, וואָס ער האָט מיר געבראַכט איבערצולייענען. דאָס פאָרליגנדיקע טאָג-בוך איז בלויז אַ קליינער אויסוואַל.

קוזנעץ איז טיף-רעליגיעז און סיי מיט זיין פערזענלעך לעבן, סיי מיט זיינע שריפטן, דערמאָנט ער שטאַרק די פאַר-שטאָרבענע: לוי פרידמאַן און חיים באַסין — אים צו לאַנגע יאָר; אַלע דריי — אַרבעטער, וואָס די סביבה פון דער יידישער גאַס און די מאַטעריאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונגען האָבן זיי

נישט געקענט צופרידנשטעלן און זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן עפּעס אַ סינטעז, וואָס זאָל פאַראייניקן דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם נייעם מיט דעם בעסטן און שענסטן פון דעם אַלטן — אַ בריק צווישן צוויי וועלטן.

קוזנעץ, ווי לוי פרידמאַן, איז דאָ און דאָרט שטאַרק אונטער דער השפּעה פון ניטשע און שאָפּענהויער, אָבער בעת פרידמאַן, אין זיין „אויפן וועג צו זיך" און „אין שטילן פאַרגיין", נעמט די צוויי גרויסע דייטשישע דענקער אויף אָן רעזערוואַציעס, ווערט זיך קוזנעץ קעגן זיי, וואַרפט-אָפּ, וואָס אים געפעלט נישט, אָפט אויף אַ זייער נאַיוון אופן, אָבער שטענדיק פאַרטראַכט, אויפריכטיק, ערנסט. נישט זעלטן גיט אין זיינע טאָג-ביכר אַ בליץ אַן אָריגינעלער געדאַנק, וואָס איבערראַשט.

חיים קוזנעץ, לוי פרידמאַן און חיים באַסין — ווער ווייסט וויפיל נאָך אַזעלכע, ווי זיי, פּאָעטן און טרוימערס, אומבאַאַפּרי-דיקטע זוכערס, זענען פאַראַן אין דער גראָער יידישער אַרבעטער-מאַסע, וואָס פילט-אָן די ניו-יאָרקער פאַבריקן! זיי זוכן עפּעס אַזוינס, וואָס איז פאַר זיי אַליין נאָך אומבאַשטימט, אומקלאָר. אפשר וועלן זיי עס אַמאָל געפינען און טויזנטער אַנדערע וועלן זיך אַרום זיי קלויבן. אפשר...

א. אַלמי

ניו-יאָרק, 15-טער אַפּריל, 1931.

איך בין פון חלומות א שפינער,

פון העלע פאַנטאַזיעס — א וועבער:

מיין טאָג-בוך — אַלץ דיקער און גרעבער,

מיין לעבן — אַלץ דאַרער און דינער...

I

א

פון אַ בריוו.

... מיין האַרץ איז ווייך און וואַרעם, צאַרט און געפיל־פול. מיינע געפילן זענען טיף און לויטער. פון קיין שלעכטע עמאָציעס, ווי: האַס, צאָרן, בייזקייט, קנאה, שנאה א. ד. ג. ווייס איך נישט. אַלע גוטע מענטשן האָב איך ליב און אויף אַלע שלעכטע האָב איך רחמנות. האָב רחמנות, ווייל איך האַלט, אַז אַ מענטש איז שלעכט נישט ווייל ער איז שלעכט, נאָר ווייל ס׳איז אים שלעכט. און ווי קען מען זיין בייז אויף אַ מענטשן, ווען מען ס׳איז שלעכט?

אַלע האָבן מיך ליב, אפילו די וואָס האָבן מיך „פיינט".

„פיינט" האָט מען מיך נישט ווייל איך בין אַ מענטש, וואָס רופט אַרויס פיינטשאַפט צו זיך, נאָר ווייל איך לאָז זיך נישט ליבן.

אַז מען באַקענט זיך מיט מיר, איז מען דאָס ערשטע מאָל גלייכגילטיק צו מיר,ביים צווייטן מאָל זיך זען ווערט מען פאַראינטערעסירט אין מיר, און וואָס ווייטער, אַלץ ליבער קריגט מען מיך. און דאָס איז, ווייל איך בין אָפנהאַרציק, צוגעלאָזט און, בכלל, גוט־ברודעריש. דער סוף אָבער איז, אַז

מען דערווייטערט זיך פון מיר. און דאָס איז, ווייל איך בין אַ היים-זיצער. קום קיינמאָל נישט צו מיינע חברים און פריינט. און אַז איך קום נישט צו זיי, קומען זיי נישט צו מיר.

איך בין אַ-סאָציאַל. האָב נישט דעם מינדסטן דראַנג צו קומען אין געזעלשאַפט.

מיין בעסטער פאַרגניגן איז: זיצן אַליין אין הויז און לייענען אָדער שרייבן. דאָס רוב האָב איך ליב אַז עמיצער זאָל זיצן לעבן מיר און טון אַ שטילע אַרבעט. זאָל אויך לייענען, אָדער שרייבן.

בין אַ גייסטיקער וואַגאַבונד, אַ באָהעם. מיין מאַמע זאָגט, אַז נישט קיין באָהעם בין איך, נאָר אַ בהמה, אַ פערד בצורת אדם. „אַ מענטש, מאַכט זי, זאָל עס פטרן זיין לעבן אויף נאַרישע לידלעך און פוסטע פאַנטאַזיעס! מיט דיין קאָפּ וואָלסטו דאָך געקענט ווערן אַ מענטש, וואָלסט דאָך געקענט האָבן אַ פּראָפעסיע אין האַנט און נישט געדאַרפט אַרבעטן אין אַ שמוציקן, שטויבפולן שאָפּ".

מיין ליבע, פּראַקטישע מאַמע. זי ווייסט נישט, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ „מענטש", וואָלט איך אפשר דאַן גאָר קיין מענטש נישט געווען.

אַ מאָל טראַכט איך, אַז ס'איז נישט גוט אַזוי צו לעבן. מען דאַרף זיך נעמען אין די הענט אַריין און ווערן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. מען דאַרף זיך צובינדן צום לעבן מיט דער הילף פון אַ ווייב, קינדער און באַלעבאַטישקייט. טראַכט איך אָבער צוריק: הייראַט איז דאָך נישט דאָס זעלבע וואָס ליבע. הייראַט איז אַ געשעפט און צו אַ געשעפט דאַרף מען האָבן קאַפּיטאַל, און איך האָב עס נישט און וועל עס נישט האָבן. וועל איך שוין מוזן לעבן אַליין מיין לעבן.

מיין האַרץ איז ווייך און וואַרעם, מיין מוח אָבער איז האַרט און קאַלט. ער איז שטענדיק ניכטער, שטענדיק קריטיש און שטענדיק טרוקן. קילט דער מוח אָפּ דאָס האַרץ און דאָס האַרץ וואַרעמט דעם מוח. זיי קעמפן נישט צווישן זיך, נאָר העלפן איינער דעם צווייטן. און דאָך בין איך אויף צרות.

מענטשן מיט פּאָעטישע געפילן און נויגונגען האַלטן מיך פאַר אַ קאַלטן ראַציאָנאַליסט, פאַר אַ מענטשן אָן אַ האַרץ, אָן סענטימענטן, און מענטשן מיט פילאָזאָפישע נויגונגען — פאַר אַ ווייכן, צעקראָכענעם סענטימענטאַלן דיכטער.

איך בין דאָס רוב נאַיוו ווי אַ קינד, פאַרבענקט ווי אַ יונג מיידל און פאַרדאַרבן ווי אַן אַלטער בעל-עבירהניק.

איך האָב צייטן פון אויפשטייג און צייטן פון אַרונטער-פאַל ווי אַלע מענטשן.

איך בין אַ מענטש.

* *
*

... ניין, ס'איז נישט גוט צו פאַרנעמען זיך שטענדיק מיט די אַזוי-גערופענע „אייביקע פראַגן". אָנשטאָט פרעגן „צוליב וואָס איז דאָס לעבן?" פרעג בעסער, ווי צו לעבן דאָס לעבן. „צוליב וואָס איז דאָס לעבן"? איז טאַקע אַ מוח-שאַרפנדיקער פּראָבלעם, אין דער זעלבער צייט איז דאָס אָבער אַ לעבן-פאַרדאָרבנדיקער.

נישט דעם זין פון לעבן דאַרף מען זוכן, נאָר אַ וועג ווי צו לעבן מיט אַ זין.

לעבן מיט אַ זין איז דער זין פונם לעבן!

אַז מיר זענען אויף דער ערד, דאַרפן מיר פריער פון אַלץ שטודירן דער דאָזיקער ערד. נישט גיין בלינדערהייט אויף דער ערד און שטודירן די שטערן...

פריער דאַרפן מיר שטודירן דאָס געזעלשאַפטלעכע, קאָנ-קרעטע לעבן, די סאָציאַלע אומגעבונגען אין וועלכע מיר געפינען זיך און צו וועלכע מיר דאַרפן זיך צופּאַסן.

אַזוי טו איך לעצטנס טראַכטן און פילן.

ס'איז נישט גוט ווי אַזוי איך לעב. איך בין אויסגעטון פון דער וועלט און וויל זי נישט אָננעמען. דאָס איז אָבער נישט קיין דערגרייכונג.

ענערגיעלאָז און פויל בין איך. אָנשטאָט אַרייַנצוואַרפן זיך אינם ים און שווימען, ליג איך מיר ביים ברעג אויפן ווייכן זאַמד און וואַרעם זיך אין דער זון...

ניין, עס טויג נישט ווי איך לעב. מען דאַרף אָנהויבן לעבן אַנדערש. וויפיל מאָל האָב איך זיך שוין געוואָלט נעמען אין די הענט אַריין און ווערן אַ „מענטש" – געוואָלט, אָבער נישט געקענט. נישט געקענט און קען נישט, ווייל אָנמעכטיק בין איך צו לעבן אַנדערש.

מיין גייסט ווייסט פון זיין אָנמאַכט און דערפאַר איז ער אַזוי פול מיט טרויער.

* *
*

איך בין אַ גרין בלעטל
פֿון אַן אַלטן דעמב.
איך בין דאָס שאַרף פֿון מעסער,
וואָס איז געוואָרן טעמפּ.

איך בין אַ פּוסטע שעלכל
אויפֿן דעק פֿון ים.
איך בין דער אוממערקבאַרער
רויך פֿון העלן פֿלאַם.

איך בין דער קרעכץ פֿון קראַנקן
אין דער שטומער נאַכט,
איך בין דער שטילער ערנסט
פֿון אַ מענטש וואָס טראַכט.

איך בין דער לעצטער זונשטראַל
אויפֿן שפּיץ פֿון בוים,
איך בין דער שוואַכער שאָטן
פֿון אַ העלן טרוים.

ב

„פאַר די וואָס דענקען, איז דאָס לעבן אַ קאָמעדיע,
פאַר די וואָס פילן, איז דאָס לעבן אַ טראַגעדיע"
איך בין אַ פילנדיקער מענטש.

איז וואָלט איך די שיינקייט פון טראַגישן לעבן אין לידער פאַרקערפּערן געקענט, וואָלט איך צופרידן געווען. קען איך אָבער נישט. איז מיר דאָפּלט שווער און שלעכט.

*

איך טראַכט, דאַכט זיך, און פיל אַזוי פיל און טיף, אָבער זיי, די טראַכטענישן און געפילן מיינע, קענען צו קיין אויסדרוק נישט קומען. דאָס אַלץ, וואָס איך פאַרצייכן איז בלויז אַ שאָטן פון דעם וואָס אין מיין אינערלעכער וועלט טוט זיך.

און שווער, אַזוי שווער איז מיר צו טראָגן דעם צער פון נישט קענען אויסדריקן זיך, פון נישט קענען אַרויסברענגען אויפן פּאַפּיר די אַלע אידייען, מאָטיוון און טעמען, די אַלע געדאַנקען און געפילן וואָס פאַרפלייצן מיך!

* *
*

ווּונדערלעכע אוצרות
אין מײַן האַרץ פֿאַרבאָרגן.
כ'קען זײ נישט דערגרייכן:
גײ איך אויס פֿון הונגער...

קוואַלן טיפֿע, קלאָרע
שטראָמען אין מײַן זעלע.
האָב איך נישט קיין כּלי:
גײ איך אויס פֿון דאָרשט...

* *
*

בייטאָג, ווען איך זיץ לעבן דער רוישנדיקער מאַשין און
געדאַנקען און שטימונגען רוישן און ברויזן אין מיר –
דאַן, ווען איך וואָלט זיי אויפן אָרט פאַרשרייבן געקענט –
ווי גוט און ווי טיף וואָלט מיין שרייבן געווען!
געבונדן זענען אָבער מיינע הענט, צוגעבונדן צום מאַשין.

ברענט אין מיר אַ פייער פון טראַכטונגען און באַטראַכ-
טונגען ביז ער ברענט אויס. און אַז איך קום אַ היים פיל
איך!

אַ שערבל אָן בוימל איך בין,
אַ ליידיקער, טרוקענער שערבל...

ג

... און, ווי יעקב׳ס לייטער,
שטיי איך מיט די פיס דאָ, אויף דער ערד
און מיין קאָפּ דערגרייכט צום הימל.
אָבער,
נישט מלאכים נידערן און שטייגן איבער מיר,
נאָר שדים פון אומרו און אומעט...

* * *

...און, ווי משה,
שטיי איך אויפן באַרג
פון קלאָרער זעאונג
און זע דאָס גוטע לאַנד –
די אָפּגרונטלאָזע טיפקייט פונם לעבן –
און קען אים נישט דערגרייכן.
און שטאַרבן וועל איך אויפן באַרג-שפּיץ
נישט האָבנדיק באַטרעטן מיט מיינע פיס
דאָס לאַנד דאָס גוטע.
איך וועל שטאַרבן
און וויסן וועט נישט קיינער
מיין קבר ווו געפונט זיך...

* *
*

... און דאָס איז מיין גורל אין לעבן:
שטענדיק, אומאויפהערלעך שטרעבן
צו זוניקע, לויטערע הויכן
און קיינמאָל נישט קענען דערגרייכן...

* *
*

... און, ווי יצחק, כ'גיי צו דער עקדה
מיט מיין אייגענעם ווילן.
און טראָג נאָך, מיט פרייד, אויף די פלייצעס אויף מיינע
האָלץ אַ בינטל...
און אויסשטרעקן וועל איך מיין האַלדז מיט גרויס שמחה
און זאָגן: נו, קוילע מיך גיכער...

* *
*

... און, ווי אַ וואָגלענדיקער בעטלער,
דריי איך זיך אַרום די חורבות
פון מיינע אייגענע חזיונות...
און הויבט מיך אָן אַ הונגער נאָגן —
קיי איך שטיקלעך טרוקן ברויט,
וואָס גוטע מענטשן האָבן מיר געגעבן,
ווען מיט אַ טאָרבע איבער הייזער כ'בין געגאַנגען
און געבעטלט מיט הכנעה...
שטיל מיין הונגער איך מיט די שיריים
פון פרעמדע יום־טובדיקע סעודות...

*　　*
*

מיין הונגער איך שטיל מיט די
ברעקלעך,
וואָס פאַלן אַרונטער פון טישן פון
פרעמדע...
די פרעמדע – זיי מאַכן אַ ברכה און
בענטשן
און איך – איך ענטפער בלויז אמן...

*　　*
*

מענטשן-מחנות דרענגען זיך אַרום
תענוגים-קוואַלן,
און שעפּן פרייד און פאַרגעניגן פולע
קרוגן.
נאָר איך איינער, ווי אַ מצורע, בין
מחוץ למחנה,
כ'שעפּ קיין פרייד נישט,
נאָר איך איינער, נאָר איך איינער שטיי
פון ווייטנס –
ס'איז מיין קרוג צעבראָכן...

ד

האָט דאָס לעבן מיטן שטעקן פון ווירקלעכקייט
געשפּאָלטן דעם ים פון מיין פאַנטאַזיע —
און טרוקן געוואָרן דער ים איז...

*　*
*

די ווירקלעכקייט לעבט אין דעם זכות פון דער פאַנטאַזיע. מיין פאַנטאַזיע איז טויט. האָב איך אויך נישט קיין ווירק־לעכקייט.

לעב איך אין אַ הייל, וואָס איז אויף יענער זייט ווירק־לעכקייט און פאַנטאַזיע און ווייס נישט וואָס צו טון מיט זיך.

קום איך אַ מאָל אַרויס פון מיין הייל, מוז איך גלייך מיינע נאָזלעכער פאַרשטאָפּן. די טויטע ווירקלעכקייט וואַלגערט זיך, ווי אַ נבלה, אין דער בלאָטע וואָס רינגלט אַרום מיין הייל און פאַרעיפּושט די לופט. און אויסמיידן זי קען איך נישט, מוז איך צוריק אין דער הייל אַריינלויפן.

*

אומריין בין איך געוואָרן און קען מער אינם קדשי־קדשים פון מיין אינערלעכער וועלט נישט אַריינגיין. דריי איך

זיך אַרום איבער דער עזרה מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, און מיט פאַרווירטע אויגן קוק אין דער ווייטקייט אַריין.

* *
*

איך שטיי אין אַ זומפּיקן עיגול, וואָס גפינט זיך אויף יענער זייט וועלט. וואָס ווייטער – אַלץ טיפער זינק איך.

האָב שוין באַלד פאַרגעסן, אַז ס׳איז דאָ אַ וועלט אינדרויסן פון מיין עיגול. איך פיל, איך אַן, אַז ס׳איז דאָ אַ ווונדערלעכע וועלט אינדרויסן פון מיין עיגול. פון צייט צו צייט דערטראָגן זיך צו מיר קלאַנגען און ריחות פון דער דאָזיקער וועלט. איך קען זיי אָבער נישט באַנעמען. עפּעס אַזוי פרעמד און ווייט איז מיר די וועלט.

שטיי איך אין מיין עיגול און זינק, זינק...

* *
*

קוקט אַ מענטש אַרויס פון פענסטער:
באַנען שפּאַנען, ווי געשפּענסטער;
מענטשן, אויטאָס איילן, ווימלען;
שטערן קלערן אין די הימלען.

זיצט אַ מענטש אַליין ביים פענסטער,
קוקט אויף אַלץ מיט שטאַרע בליקן,
און געוויינען אונטערדריקטע
וואַרגן שטיל זיין האַלדז און שטיקן.

* *
*

אויפן אָפּגעבּרענטן וואָרצל פון מיין זעלע,
אין דער פינסטערניש פון נאַכט, איך בין געזעסן
און געשפּילט זיך, ווי אַ קינד מיט גלעזלעך פיל-קאָלירטע,
מיט שטיקלעך לעבּעדיקע פלייש פון האַרצן מיינעם,
וואָס האָבּן אין דער פינסטערניש געלויכטן,
ווי שטיקלעך האָלץ פון שטאַרק-צעפוילטע דעמבּן.
געלויכטן שטיל, אָן גלאַנץ, זיי האָבּן,
אָבּער קיין זאַך נישט באַלויכטן,
קיין זאַך נישט באַלויכטן...

— — — — — — — — — — — — — —

און פינסטער איז די נאַכט געוועזן...

ה

האַרבסט אין מיין וועלט איז.
פון מיין דאַרן לעבנס-בוים
פאַלן בלעטער געלע —
טעג און וואָכן,
פאַלן בלעטער פאַרוועלקטע —
חדשים און יאָרן.
פאַלן, פאַלן,
און איך,
איך טרעט איבער זיי...

* * *

פאַרהוילן עס זענען פון מיר
אַלע טיפע און לויטערע קוואַלן
און טרוקן אַזוי איז מיין גומען...

שטייען אַ הינטער מיין טיר
אומצייליקע מחנות שאַקאַלן
און וויינען און וואָיען און ברומען...

*   *
*

בין איך דען אַזאַ מין צדיק,
וואָס דו ביזט מיט מיר מדקדק
כחוט השערה?

האָסטו דען מיך אַזוי ליב, וואָס
שטענדיק האַלסטו מיך אין שטראָפן,
גאָט מיין ליבער? — — —

---

*   *
*

וואָס איך טו בעטן ביי דיר, גאָט,
איז נישט דו זאָלסט מיר עפעס געבן,
נאָר זאָלסט אַוועקנעמען פון מיר
אַלצדינג וואָס מאַכט מיר שווער דאָס לעבן.

*   *
*

... און דערפילט האָט זיך גאָט אַזוי הילפלאָז,
ווי אַ בלינדער אונטערוועגנס,
וואָס ווערט איבערגעלאָזן, פאַרלאָזן
פון זיין וועג-ווייזער, פירער...
און אויסגעשטרעקט האָט ער צו מיר זיינע הענט
העלפן איך זאָל אים...

— — — — — — — — — — — — — —

און אין דער זעלביקער צייט כ'בין געזעסן
אויף ד'ערד, ווי אַן אבל, מיט אַ געזונקענעם קאָפ
און מתפלל געווען צו אים
פאַר באַפרייאונג, דערלייזונג...

ר

די לעצטע צייטן פיל איך, ווי ערגעץ ווייט, ווייט
אַ הינטערן פלויט פון מיין נשמה זיפצט אַ שטומע שווערקייט;
ווי ערגעצוו אין אַן איינזאַמע חורבה פון מיין האַרצן קרעכצן
יאוש און זעלבסט-מאָרד-געדאַנקען.

*

אייזבערג און פראָסטיקע ווינטן
מיך רינגלען אָרום.
אַ נאַקעטער שטיי איך אין מיטן,
פאַרגליווערט און שטום.

●

* *
*

װען איך געװען װאָלט אַ פּראָסטער, שטומער שטיין —
װי גוט און װאויל עס װאָלט מיר דאַן געװעזן:
מיין מוח און מיין האַרץ געװעזן װאָלטן האַרט און ריין,
און נישט געװוּסט איך װאָלט, אַז כ׳בין אַ װעזן.

פריי איך װאָלט געװען פון טראַכטן און פון פילן,
נישט געדאַרפט װאָלט טראָגן איך דער װעלט אין זיך.
נישט געװען כ׳װאָלט דאַן אַ קאַמף-פּלאַץ פאַר פאַרנונפט און װילן,
נישט געװוּסט כ׳װאָלט דאַן פון ער און דו און איך.

* *
*

מיין קאָפּ ליגט אויף דער גילאָטינע,
דאָס מעסער — עס פאַלט נישט אַרונטער...
דער תליון, גוטמוטיק און מונטער,
באַטראַכט מיך, אָן כעס און אָן שנאה...

* * *

ערד!

אָ, ווען וועסטו שוין אויסשטרעקן צו מיר
די ווייכע אָרעמס דיינע
און, ווי אַ מאַמע,
מיך צוטוליען צו זיך מיט ליבע?
ערד, אָ, ערד!
ווען וועט שוין מיין קאָפּ מיין מידער
אין שויס אין דיינעם רו געפינען?

---

* * *

רייד אומנויטיקע און פוסטע,
רייד, וואָס זאָגן גאָרנישט נישט,
ווערטער שוין פון לאַנג באַוווּסטע —
כ'בין פון זיי אַזוי שוין מיד!

זאָל מיין טרויער העכער שטייגן,
טריבער ווערן — מיין געמיט. —
אין מיין איינזאַמקייט כ'וועל שווייגן.
ריידן מער — איך וועל שוין נישט.

* *
*

איך לעב אין אַ צושטאַנד פון דערוואַרטונג, פיל ווי איך וואָלט אַן אורח אינם הויז פון מיין איצטיקן לעבן געווען, אַן אומגעבעטענער אורח.

איך האָב דאָס געפיל, אַז ערגעצוו אין די פאַרבאָרגענע קאַמערן פונם עתיד ליגט פאַר מיר עפעס אָנגעגרייט; אַז ערגעצוו אין די פאַרהוילענע היילן פון דער צוקונפט וואַרט אויף מיר מיין אמתער לעבן.

אָט-אָ-דער געפיל איז די איינציקע טרייסט אין מיין שווערן לעבן.

ז

שאָפּענהויערס פּעסימיזם — קאַלטער, קלאָרער וואָסערי
ניטשעס אָפּטימיזם — ברענענדיקער ספּירט.

שאָפּענהויערס פילאָזאָפישער פּעסימיזם איז די בעסטע מעדיצין פאַר מענטשן, וואָס זענען קראַנק אויף פּעסימיזם.

זיין, שאָפּענהויערס, פּעסימיזם לעזט אויף דעם קרענקלעכן שטימונגס-פּעסימיזם וואָס אינם מענטשן און געבוירט אין אים אַ טראַגישן בליק אויפן לעבן, און אָנשטאָט צו זיין פאַרביטערט אויף דער וועלט און אויף זיינע מיטמענטשן ווערט ער, אַ געלייטערטער, פול מיט רחמנות און מיטגעפיל צו אַלע מענטשן און הויבט זיי אָן באַטראַכטן אַלס חברים-מיטליידער.

*

...און וואָס אַרט עס מיך, וואָס ס׳האָט שאָפּענהויערן געטריבן צו זיין פּעסימיסטישער פילאָזאָפיע: די צייט אין וועלכע ער האָט געלעבט, די דערפאַרונגען און איבערלעבענישן פון זיין קינדהייט און יוגנט, זיינע אינהיביציעס און זיין פּסיכאָ-פיזישע קאָנסטיטוציע בכלל, — „זאָל זיין פון אַ קאָזאַק אַבי צום לעבן!״

אַרט מיך עפּעס וואָס דער פּערל איז אַ רעזולטאַט פון דעם אויסטערס אַ קראַנקשאַפט, אַן אומנאָרמאַלן צושטאַנד? און איז ער דען ווייניקער ווערטפול צוליב דעם?

און אַז דער מענטש בכבודו ובעצמו אַנטוויקלט זיך פון אַ טיפּה־סרוחה אַרויס, איז ער שוין דערפאַר קיין מענטש נישט?...

*   *
*

געוואָלט חדשים און יאָרן
אין אומענדלעכן מדבר פון ליידן,
און געזונקען זענען מיינע פיס די מידע
אין די ברענענדיקע זאַמדן פון טרויער.
און ליידיק עס זענען געווען מיינע לאָגלען
און פּוסט איז געווען מיין זעקל...
און געפאַלן איך בין אַלע ווייל אין חלשות
און נאָך אַ ביסל און געבליבן וואָלט איך ליגן אַ טויטער
אין מדבר אין וויסטן...
ביזטו געקומען
און מיט קאַלטן, קלאָרן וואַסער אָנגעפילט די לאָגלען מיינע
און מיט ברויט — מיין זעקל,
און אויסגעשטרעקט דו האָסט דיין צאַרטע האַנט מיר
און, ווי אַ טאַטע זיין קינד, מיך פירן גענומען,
און לייכטער געוואָרן מיין גאַנג איז
איבער די זאַמדן פון טרויער,
אָ, שאָפענהויער!

* *
*

... און מענטשן שעפּן פרייד פון שטורעמדיקע יאַמען
און טרינקען מיטן פולן מויל אַזש פון ליפּ טוט רינען,
און ס׳ברענט דער דורשט אין זיי, ווי שאַרפע סאַמען,
און זיי קענען קיין דערקוויקונג נישט געפינען.

נאָר איינער האָט אַ קוועלכעלע צווישן שטיינער,
און ווען נישט ווען באַנעצט ער זיינע ליפּן;
און אין האַרצן: פרייד אַ לויטערע און גליק אַ ריינער,
ווי זעמל-מעל וואָס דורכגעזופּט דורך זיבן זיפּן...

* *
*

„גאָלד ווערט געלייטערט דורך פייער
און אַ נשמה — דורך ליידן״.

— — — — — — — — — — — — — —

איבער די קברים פון פריידן
שפּאַציר איך אַ שטאָלצער, אַ פרייער!

* *
*

געפאַנגען די וועלט איז אין מיר,
ווי זון אין אַ טראָפּן פון טוי.
דעם וועלטישן אָטעם איך שפּיר —
איז גוט מיר און וויל מיר אַזוי.

* *
*

ווי דער סנה, אָ, מיין נשמה,
ברענסטו און ווערסט נישט פאַרברענט;
אויסגעטון איך מיינע שיך האָב
ווען איך האָב צו דיר געגענט.

איצט, אַ באָרוועסער, מיט ציטער
און הכנעה כ׳שטיי פאַר דיר,
און אַ פייער פון קדושה
ברענט מיט העלן פלאַם אין מיר.

* *
*

די הערצער פון אַלע מענטשן גליען
מיט ליבשאַפט צו דיר,
אַלע, אַלע מענטשן קניען
מיט הכנעה פאַר דיר,

און דו שטייסט אויף די קני פאַר מיר –
אַזוי וויל איז צו דיר!
און דו קושסט דעם שטויב פון מיינע פיס –
געבענטשט און געלייטזעליגט ביזט!

גרויס און דערהויבן איך בין,
איך בין די זעל פון דער וועלט,
אונטער מיין שאָטן דו זיצסט –
אַז גוט און אַז וויל איז צו דיר!

פון מיר זינגט דער וועלט-אַל אַרויס
און דו פאַרנעמסט זיין געזאַנג,
און פול איז דיין זעלע מיט רו –
געבענטשט ביזטו, וויל איז צו דיר!

II

האָב היינט עטלעכע ביכער געקויפט, און קוקנדיק אויף זיי מיט טיפער ליבע, געטראַכט:

ביכער. זענען נאָך פאַראַן בעסערע זאַכן אויף דער וועלט ווי ביכער?!

ביכער. קרישטאָל־לויטערע קוואַלן וואָס ברענגען געגעזונג צו פאַרשמאַכטע ליפּן; ברויט און וויין וואָס שטילט דעם הונגער פון מענטשן וואָס האָבן געזונטע מאָגנס און שאַרפע אַפּעטיטן!

ביכער. די קאַמערן וווּ עס ליגט באַהאַלטן די חכמה פון דורות און מענטשן, די דערפאַרונגען פון עפּאָכן און גאונים; די קאַסע־קאַסטנס וווּ עס ליגן פאַרבאָרגן די אוצרות פון אונדזער מענטשלעכער קולטור!

ביכער. די כּלים אין וועלכע עס ליגן פאַרבאָרגן די הייליקע פייערן פון ברענענדיקע נשמות, די לויטערע פייערן פון פלאַמענדיקע וויזיעס, געפילן און אומרו פון דיכטער! —

ביכער. ווי ליב, ווי האַרציק ליב און טייער איר זענט מיר, — געבענטשט זאָלט איר זיין!

און ווייטער געטראַכט: וואָס פאַר אַ צער בעלי חיים, וואָס פאַר אַ טיפער רחמנות עס איז אויף די קליינע מענטשעלעך,

אויף אָט-די לעבנס-ליידיקע און גייסטיקע פוסטע-פּאַסטניקעס! אַרום זיי שטראָמען קלאָרע קוואַלן און זיי גייען אויס פון דורשט!

פרייע צייט — אָט-די גרעסטע ברכה, די בעסטע מתּנה וואָס אַ מענטש קען זיך נאָר ווינטשן צו קריגן — פרייע צייט באַטראַכטן זיי אַלס אַן אומדערטרעגלעכע אָנשיקעניש און שווערע קללה!

פרייע צייט! עך, ווען איך זאָל עס קענען מיין צייט באַנוצן פאַר זיך אַליין, נישט אַוועקגעבן עס פאַר קופּערנע מטבעות! ווען צו די דאָזיקע ביכער איך זאָל נאָך האָבן אַ ביסל פרייע צייט — וואָס נאָך וואָלט איך געפאָדערט פונם לעבן!

אָ, לעבן, לעבן, ווי ליב דו ביזט מיר! וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע אוצרות עס וואַלגערן זיך ביי דיינע שוועלן און ווי גליקלעך איך בין, אָ, ווי גליק-געבענטשט עס איז מיין גורל, וואָס דו לאָזט מיך פון דיינע אוצרות געניסן!

פרייד! צו וואָס זאָל איך זוכן פרייד ביי דיינע פריידן-זוכער, ווען דו אַליין ביזט פאַר מיר אַ קוואַל פון פרייד! צו וואָס זאָל איך זוכן באַטויבונג אין דער געזעלשאַפט פון די טויבע און בלינדע, אָ, לעבן, ווען אָפן זענען פאַר מיר די אוצרות-קאַמערן פון דיינע אויסדערוויילטע!

*

האָב היינט עטלעכע ביכער געקויפט.

*   *
*

אַ דאַנק און אַ לויב דיר, באַשעפער פון אַלע וועלטן, וואָס דו האָסט געמאַכט איך זאָל געבוירן ווערן נאָכדעם ווי ביטשע האָט זיין „זאַראַטוסטראַן” געשאַפן!

*

היינט האָב איך „זאַראַטוסטראַן״ געענדיקט לייענען און בין תחית־המתים אויפגעשטאַנען!

„זאַראַטוסטראַ״! וואָס פאַר אַ טיף, זאַפטיק און פאַרשיכורנדיק בוך דאָס איז! אַלטער וויין און ווילד־רוישנדיקע קוואַלן; קילע, לויטערע באַרג־לופט און שרפהנדיקע, שטורמדיקע מדבר־ווינטן; קאָנצענטרירטער ברען און התלהבות פון יוגנט — זאַראַטוסטראַ!

*

... און וואָס פאַר אַ קאַפיטל פונם בוך איך זאָל נישט לייענען איז עס, — צו באַנוצן זיך מיט אַלטער עסעלינס אַן אויסדרוק, — ווי אַ קלינגענדיקע בשורה פון געפונענעם אייגנס.

*

איז אַ דאַנק און אַ לויב דיר האַר פון אַלע וועלטן, וואָס דו האָסט מיר געגעבן לעבן און געמאַכט איך זאָל געבוירן ווערן אין דער צייט ווען ניטשע האָט שוין געהאַט זיין „זאַראַטוסטראַן״ געשאַפן!

א

ווען ס׳איז קאַלט מוז מען אויף זיך אַ סך מלבושים אָנטון. ווען ס׳איז וואַרעם קען מען אַרומגיין אַ נאַקעטער.

די זון פון פאַרשטענדניש און דערקענטניש זומערט אין מיין וועלט און וואַרעם איז מיר, דעריבער גיי איך אַרום אַ באַקעטער. וואַרעם איז מיר און פון דער וואַרעמקייט איז דאָס לייב פון מיין גייסט אויסגעשפּרייט, אויסגעברייטערט. איז צו וואָס זאָל איך אָנטון אויף זיך וואַרעמע דעפענסן-פעלצן? צו וואָס זאָל איך זיך מיט אומאויפריכטיקייט-שאַלן אַרומוויקלען?

וואַרעם איז מיר, גיי איך אַרום אַ נאַקעטער אויף דער וועלט און פיל זיך פריי. אייך אָבער איז קאַלט. די פענסטער פון אייער באַוווסטזיין זענען מיט דיקע פאַרהאַנגען פון אייטל-קייט און גאווה פאַרצויגן און די זון פון דערקענטניש און פאַרשטענדניש קען נישט אַריינשטראַלן אַהין. איז איינגעשרומפּט זענט איר און אין דיקע מאַנטלען פון אומאויפריכטיקייט און דעפענסן הילט איר זיך איין, איז אָנגעפּעלצט זענט איר מיט פעלצן פון גדלות און שקר אַזוי, אַז אייך גופא קען מען נישט אַרויסזען פון זיי.

* *
*

זונלאָז איז דער טאָג, זאָגט איר, און ער איז אייך דערווידער. אָבער באמת זאָג איך אייך: עס איז נאָך קיינמאָל קיין זונלאָזער טאָג אויף דער וועלט נישט געווען!

מיט דיקע פאָרהאַנגען פון וואָלקנס איז דער הימל פאַר־צויגן, און מער ווי די פאָרהאַנגען זעט איר נישט, זאָגט איר אַז זונלאָז איז דער טאָג.

עך, ווען איר וואָלט פליגלען געהאַט און וואָלט אַריבער די וואָלקנס אַריבערפליען געקענט, — וואָס פאַר אַ לויטערע, אין ליכט־זיך־באָדנדיקע זון וואָלט זיך אַנטפּלעקט פאַר אייך!

*

ווי אַן אָדלער שוועב איך אונטער דער זון און באָד זיך אין אַ ים פון פלייצנדיקן ליכט. און קוק איך אַמאָל אַראָפּ פון מיין הויך, און זע שוואַרץ־גראָע וואָלקנס זיך טראָגן אונטער מיר, ווילט זיך מיר וויינען, וויינען אויף דער קורצ־זיכטיקייט און פליגללאָזיקייט פון די מענטשן אויף דער ערד, וואָס מער ווי די וואָלקנס זעען זיי נישט, און מחמת דעם גייען זיי אַרום מיט שווערע געמיטער און מיט גראָער אומ־צופרידנהייט, וואָס זונלאָז איז דער טאָג.

און ווערט מיין טרויער טיפער און דריקנדיקער, רייס איך אָפּ מיינע בליקן פון די וואָלקנס וואָס אונטער מיר, און לאָז זיי וואַנדערן אין די הויכן וואָס איבער מיר, און גרינג ווערט מיין געמיט און אַ גליק־געבענטשטע ליכטיקייט און לייכטקייט פילט אָן מיין גאַנצן וועזן: נישטאָ שוין מער קיין וואָלקנס, נישטאָ שוין מער דער געדאַנקען־אָנבליק פון די בלינדע, בלאָנדזשענדיקע מענטשן מיט די איינגעהוויקערטע נשמות וואָס אויף דער ערד. אַזאַ ליכטיקייט און לויטערקייט

אַרום מיר. איך און זון, ליכט און זון, וועלט און זון!

*

עך, ווי איך וואָלט געוואָלט ווענען נישט איז מיינע פליגלען אַוועקשענקען! — איך נויטיק זיך שוין נישט אין קיין פליגלען צום פליען, מיין גאַנצער וועזן איז שוין פליגלדיק! — קליין אַזוי און שוואַך זענען אָבער די מענטשן וואָס אויף דער ערד, און נישט פאר זייערע כחות איז מיינע פליגלען אויפצוהויבן און פאַנאַנדערשפרייטן זיי!

און ווען אפילו איינער וואָלט זיי שוין יאָ אויפהויבן געקענט, זענען זיי אָבער אַזוי גרויס אַז ווען ער וואָלט שוין אפילו געווען בכוח מיט זייער הילף אַריבער די וואָלקנס אַריבערצופליען וואָלט ער קיין זון סיי ווי נישט געזען: די פליגלען גופא וואָלטן פאַר אים דער זון פאַרשטעלט!

*   *
*

קלאָר און לויטער איז דער ים פון מיין נשמה, און מער ווי די אָפשפיגלונג פונם הימל קען מען אין אים נישט זען. צו טיף איז ער מען זאָל קענען די וואונדערלעכע אוצרות וואָס ליגן אינם שויס פון זיין אָפגרונט זען!

עך, ווו איז דער טויכער וואָס זאָל קענען צו זיין אָפ־גרונט אַראָפלאָזן זיך, און דערביי זיין אָטעם נישט פאַרלירן! ווו איז דער מענטש וואָס זאָל קענען אויף מיינע אוצרות אַ בליק־טון, און דערביי זיין זין נישט פאַרלירן פון גרויס גליק!

(מעגאַלאָמאַניע אין וואַך־טרוימען, זאָגט אַדלער, איז שטענדיק אַ סימן פון אַ שטאַרקן אינפער־יאָריטעט־געפיל.) (!)

ב

מ ע נ ט ש! ווען דו גייסט צו דיין ציל זאָלסטו נישט טרעטן איבער די קעפּ פון די קליינע, נבזהדיקע ברואים, וואָס טראָגן דיין נאָמען — מ ע נ ט ש, ווייל צו די זוילן פון דיינע שיך וועט נאָך עיפּושדיקער שמוץ זיך צוקלעפּן.

טרעט בעסער איבער שטיינער און דערנער!

זאָלן דיינע שיך בעסער צעריסן ווערן, זאָלן דיינע פיס ליבערשט צעבלוטיקט ווערן, אַבי דו זאָלסט אינם שמוץ פון די קליינע, פאַרעיפּושטע מוחות, פון די צרהדיקע און נבזהדיקע, זיך נישט איינריכטן!

אין זייער פחדנישער קלוגשאַפט וועלן זיי דיך לאָזן איבער זייערע קעפּ טרעטן, כדי צו האָבן אַ געלעגנהייט דיך צראָפּצוּוואַרפן פון זיך און חוזקן פון דיר, זיך פרייען מיט דיין רגעדיקן אַראָפּפאַל.

און דעריבער זאָג איך: ברודער מיינער, טרעט בעסער איבער שטומע שטיינער און דאַרע דערנער, ווייל ריין און אומשולדיק זענען זיי!

* *

*

ברידער מיינע! האָב איך אייך דען פיינט, האָס איך דען אייך, וואָס איך רוף אייך מיט אַזעלכע נעמען, ווי: נבזהדיקע, צרהדיקע א. ד. ג.?

באמת זאָג איך אייך: נאָך קיינמאָל זענען די שלאַנגען פון שנאה און האַס די שוועל פון מיין האַרץ נישט אַריבער־געטרעטן. און דאָס איז נישט ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט. — געוואָלט האָבן זיי יאָ, און שוין נישט איינמאָל געמאַכט אַ כּאַרזוך אַריבערצעטרעטן די שוועל פון מיין האַרץ. געוואָלט, אָבער נישט געקענט, ווייל פיל איז מיין האַרץ מיט דער־קענטניש און ליבע.

איך זאָג אָבער נאָך אַ מאָל: נבזהדיק, אומווירדיק זענט איר!

די יעניקע פאַלשע ברואים, וואָס חנפענען אייך, וואָס רופן אייך מיט שיינע נעמען און פאַרבלענדן אייך מיט ליבּ־געזאַנגען — אָט די האָט איר ליב, דעם גרעסטן יראת־הכבוד האָט איר פאַר זיי. אָבער די וואָס זאָגן אייך דעם אמת, כּדי איר זאָלט זיך דערקענען און זיך אַרויסרייסן פונם זומפּ פון אומוויסנהייט און גאוה; כּדי איר זאָלט פונם זומפּ פון אייער קליינקייט אַרויסקריכן און ווערט זיין צו טראָגן דעם נאָמען מענטש — אָט די האָט איר פיינט און פאַריאָגט זיי פון זיך. און טאָמער האָט איר קיין כּוח נישט צו פאַריאָגן זיי — אַנטלויפט איר פון זיי.

ווייסט איר דען נישט, אָ, איר ברידער מיינע, אַז די יעניקע וואָס חנפענען אייך, וואָס זינגען אייך ליבּגעזאַנגען — פאַראַכטן אייך, קוקן אויף אייך ווי אויף אַ סטאַדע בהמות, פון וועלכע מען דאַרף פאַר זיך דאָס מעגלעך־גרעסטע נוצן אַרויסקריגן?

זיי פאַראַכטן אייך, אָבער מורא האָבנדיק איר זאָלט זיך נישט דערקענען און דערהויכט ווערן, חנפענען זיי אייך, מיט זייער חניפה ווילן זיי אייך פאַרבלענדן, אום איר זאָלט נישט זען די הויך איבער זיך, און בלייבן שטעקן אינם זומפּ פון קליינקייט און אומבאַהאָלפנקייט. און זיי נאַרן זיך נישט טאַקע.

איך אָבער וויל, איר זאָלט זיך דערקענען און דערהויכט און דערהויבן ווערן, און דערפאַר זאָג איך אייך דעם אמת אין די אויגן.

נישט פאַרבלענדן וויל איך אייך, נאָר צעראָפּרייסן די בעלמעס פון אייערע אויגן, כדי איר זאָלט ווערן זעענדיק. איר לאָזט זיך אָבער נישט. אַ זעלבסטריכטיקער עגאָיסט בין איך, זאָגט איר, און מען דאַרף וויכן פון מיר. און דעריבער זאָג איך נאָך אַ מאָל: נבזהדיק, אומווירדיק זענט איר!

* *
*

שוואַרץ און שמוציק זענען די געזיכטער פון אייערע נשמות, און איר ווייסט אפילו נישט פון דעם, איר גלויבט די שלויע שקרנים, וועלכע פאַרזיכערן אייך, פון זייער זעלבסט-זיכטיקייט וועגן, אַז ריין און קלאָר זענען זיי.

פון דער טפה-סרוחה פון זייער חניפה ווערט ביי אייך גאווה געבוירן, און אין אייער גאווה ווילט איר אינם שפיגל פון פאַרשטאַנד נישט אַריינקוקן.

איך וויל אָבער איר זאָלט ריין זיין, און דערפאַר דונערן צו אייך מיינע ווערטער: שוואַרץ און שמוציק זענען די געזיכטער פון אייערע נשמות!

פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן דונערן די ווערטער מיינע, און מיין איינציקער ווונש איז, אַז זיי זאָלן, ווי אַ שאַרפער ברעך-מיטל, אין אייערע געדערעם אַריינדרינגען און אויסמייקענען זאָלט איר אייער בלינדער גאווה און גענעזן ווערן.

*

איר זעט דעם זייגער? צו דעם זייגער, אָ, איר ברידער מיינע, זענט איר געגליכן! דרייט מען אים אָן הויבט ער

גאוהדיק אָן צו קלאַפּן: טיק-טאַק, טיק-טאַק, און מיינט אַז ער טוט עס מיטן פרייען ווילן. ער טיק-טאַקעט ווייל ער וויל אַזוי און שטאָלץ איז ער מיט דעם.

אומפריי זענט איר און מיינט אין אייער בלינדער גאוה, אַז איר זענט פריי. איך וויל אָבער איר זאָלט אינם שפּיגל פון פאַרשטאַנד אַריינקוקן און זיך דערזען, דערקענען זיך און ווערן באמת פריי!

* *
*

וויל איך דען איר זאָלט אונטערדריקן אַלע פאַרלאַנגען אייערע; פאָדער איך דען פון אייך איר זאָלט אַלע ליידנשאַפטן אייערע אָפּטויטן?

באמת זאָג איך אייך: אָן פאַרלאַנגען און אָן ליידנשאַפטן איז דאָס לעבן אַן אומפּרוכטבאַרער, וויסטער מדבר!

וואָס איך וויל איז: איר זאָלט זיך קענען פאַנאַנדער-קלויבן אין אייערע באַגערן און פאַרלאַנגען, איר זאָלט זיך אויסלערנען קאָנטראָלירן די ליידנשאַפטן אייערע און מיט דעם ווערן פריי. ווייל פריי זיין הייסט: וויסן וואָס מען טוט. אויף וויפיל דער מענטש ווייסט וואָס ער טוט, און אויף וויפיל ער קען קאָנטראָלירן די ליידנשאַפטן זיינע אויף אַזויפיל איז ער פריי!

דאָס לעבן איז אַ ים, דער קערפּער און דאָס קערפּער-לעכע פונם מענטשן — אַ שיף און זיין גייסט — דער פירער.

די שיף מוז שווימען אינם ים. דאָס איז די אויפגאַבע אירע, איר אומפאַרמיידלעכער גורל. זי מוז אָבער אַ געניטן פירער האָבן!

וואָס איך וויל איז, איר זאָלט טאַקע שווימען אינם ים, אָבער: פירער פון אייערע אייגענע שיפן זאָלט איר זיין!

איר זאָלט זייערע בעלי־בתים און וועג־באַשטימער זיין און ביישט די כוואַליעס פונם ים! וואָס בעסער איר וועט זיך אויס־לערנען ווי צו באַגיין זיך מיט זיי, אַלץ ווייניקער שליטה וועלן די ים־כוואַליעס איבער זיי האָבן!

ג

קליין איז די לבנה און קאַלט. זי קען נישט לייכטן מיט אייגענער ליכטיקייט – ווייל זי האָט עס נישט – שפיגלט זי אָפּ דאָס ליכט פון דער זון וואָס פאַלט אויף איר. קוקן פאַר־ליבטע מענטשן אויף איר און קוויקן זיך מיט איר שטילן, קאַלטן, אָפשפיגלדיקן ליכט.

די זון איז אָבער גרויס און שרפהנדיק, זי ברענט און בלענדט, און מענטשן קענען זי נישט פאַרטראָגן. גרויס און שטאַרק איז איר היץ און ליכטיקייט, און מענטשן האַלטן זייער געזיכטער אָפגעווענדט פון איר.

צו דער זון, ברידער מיינע, איז דער טיפער, אָריגינעלער מענטש געגליכן. צו גרויס און שטאַרק איז דאָס ליכט, וואָס שטראַלט אַרויס פון אים, און מענטשן קענען עס נישט פאַר־טראָגן. אין זיין זכות אָבער לעבט די וועלט!

נישט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר די ערד — אַרום דער זון!

ווענדט די ערד איר געזיכט צו דער זון און זאַפּט אַריין אין זיך די שטראַלן אירע, שיינט זי און לייכט, איז ליכטיקער טאָג אויף איר, קערט זי אָבער אָפּ איר געזיכט פון דער זון, ווערט זי חושך, ווערט זי אין פינסטערער נאַכט איינגעהילט.

* *
*

אומפריי איז דער מענטש, זאָגט איר, ער האָט נישט קיין בחירה חפשית. אָבער, ברידער מיינע, איר זענט דאָך פריי צו טראַכטן וועגן דעם, צי דער מענטש איז פריי, אָדער אומפריי, איז דען דאָס אליין נישט קיין באַווייז אויף אייער פרייהייט?

באמת זאָג איך אייך: פריי איז דער מענטש אויב ער דענקט נאָר און פילט אַז ער איז פריי!

די פרייהייט פונם מענטשן איז נישט די פרייהייט פון אַ קנעכט, וועמען דער האַר באַפרייט, נאָר די פרייהייט פון אַ קנעכט, וועלכער באַפרייט זיך פון זיין קנעכטשאַפט צום האַר!

אייער דעטערמיניזם קומט נישט פון דרויסן פון אייך, נאָר פון אייער אינווייניקייט.

דאָס איז אַ זעלבסט-דעטערמיניזם.

איר מוזט לעבן לויט אייער אינווייניקסטער נאַטור, דאָס איז דער דעטערמיניזם אייערער.

צולעבן אָבער לויט דער אייגענער, אינווייניקסטער נאַטור איז די גרעסטע פרייהייט. ווייל דאָס פילט אייך אָן מיט דער גרעסטער פרייד, צופרידנהייט און נשמה-רו.

און וואָס פאַרשטייט איר דען אונטער „פרייהייט" אויב נישט די מעגלעכקייט צו קענען לעבן לויט די דיקטירונגען פון דער א י ג ע נ ע ר נאַטור?

*   *
*

דער ווילן צו זיין און דער ווילן צו מאַכט.

דער ווילן צו זיין. — פאַר דעם פשוטן מאַסע-מענטשן איז דאָס דער אינהאַלט און די טרייב-קראַפט פון זיין לעבן. די איינציקע זאַך, וואָס ער וויל, איז: זיין, עקזיסטירן. ווערן, באַנייונג — נישט נאָר וויל ער עס נישט, נאָר ער ווייסט אפילו נישט אַז מען קען דאָס גאָר ווען.

ביי דעם טיפן, דענקנדיקן מענטשן אָבער פאַרנעמט דער ווילן צו זיין גאָר אַ קליינעם פּלאַץ.

ווילן צו מאַכט — אין ברייטסטן און טיפסטן זין — דאָס איז דער אינהאַלט און טרייב-קראַפט פון זיין לעבן.

דער ווילן צו זיין לעבט ביי אים בלויז אין דעם זכות פונם ווילן צו מאַכט.

ער וויל זיין כדי ער זאָל זיין בכוח צו קריגן מאַכט. דאָס זיין איז ביי אים אַ מיטל בלויז. בלויז די כלי אין וועלכע ער האַלט זיין ווילן צו מאַכט.

וואָס דאָס לייוונט איז פאַרן מאָלער, דאָס איז דער ווילן צו זיין פאַר אים.

*   *
*

געטראַכט וועגן ניטשעס פילאָזאָפיע, וועגן דעם אַז דער העכסטער צוועק פון דער קולטור איז אַרויסצוברענגען איינ-צעלנע גרויסע מענטשן:

שוין אונדזערע, עלטער זיידעס האָבן געהאַלטן אַז די

וועלט האַלט זיך אויף אין דעם זכות פון די זעקס און דרייסיק צדיקים, וואָס געפינען זיך אין יעדן דור...

* *
*

געהערט האָב איך זאַראַטוסטראַן זאָגן: „ווען יענע זאָלן האָבן אומזיסט ברויט, ווייגעשריגן! ווען וואָס וועלן יענע נאָך שרייען! זייער חיונה איז זייער גאַנצער חיות; און זאָל זיי דאָס שווער אָנקומען!

אָ, זאַראַטוסטראַ, ווען יענע זאָלן האָבן אומזיסט ברויט, וואָלטן יענע שרייען אויפגעהערט און זינגען אָנגעהויבן!

זענען זיי דען געבוירן געוואָרן מיט הייזעריקע העלדזער? ווען זיי זענען קינדער געווען האָבן אויך זיי געזונגען! ריין און געזונט זענען זייערע העלדזער געווען דאַן און קלינגענדיק און לויטער, אַזוי זענען דאַן זייערע געזאַנגען געווען. די חיונה האָט זיי אָבער שפּעטער געצוואונגען צו שרייען, און איצטער זענען זיי הייזעריק, און פאַרגעסן האָבן זיי שוין ווי צו זינגען.

אָ, איר ברידער מיינע: איר שרייט, זעט אָבער אַז אייער שרייען זאָל זיין אַזוי שטאַרק און מעכטיק ווי די שופרות־שאַלן אַרום די ווענט פון ירחו, אַזוי אַז די פעסטונג־ווענט פון אייערע חיונה־באַשווערער, וואָס רינגלען אייך אַרום און וואָס לאָזן אייך נישט אַרויס אויף דער פריי זאָלן איינפאַלן און צעפאַלן!

אָ, איר ברידער מיינע! מיט שרויט זאָלט איר שרייען! נישט מיט הייזעריקע קולות, נאָר מיט פייערדיקע קוילן זאָלט איר שרייען! אָנשטאָט קללות צו אייערע חיונה־באַשווערער און שרייען־צווינגער זאָלט איר זיי קוילן שיקן!

און וועלן זייערע פעסטונג־ווענט פון אייער שרויטן־שרייעניש און קוילן־קללות איינפאַלן, און איר וועט אַרויס אויף

דער פריי, — אָ, ווי געזונט וועלן אייערע, פון שטענדיקן שרייען, קראַנקע, הייזעריקע העלדזער ווערן, און ווי פול-ברוסטיק און ברויזיק און קלינגענדיק וועלן דאַן אייערע געזאַנגען זיין! טיף איינאָטעמען וועט איר די פרישע, ריינע לופט וואָס אין דער פריי, און טיף און פריש און ריין, אַזוי וועלן אייערע געזאַנגען זיין!

*

שוין זע איך די איינגעפאַלענע פעסטונגס-ווענט, און שוין גיי איך אַ טאַנץ אויף זייערע חורבות!

שוין הער איך די קרעכצן און די געשרייען פון אייערע איצטיקע שרייען-צווינגער, און שוין גיי איך אַ טאַנץ איבער די קערפערס זייערע!

שוין הער איך אייער נצחון געזאַנג, און שוין גיי איך אַ טאַנץ מיט אַ פולן כוס פון שוימיקן גליק אין די הענט!

III

וואָס בין איך: אַ מאַטעריאַליסט, אָדער אַן אידעאַליסט? נג, בינען בין איך גאָר אַן אַגנאָסטיקער און אַ סקעפּטיקער. אין איין זאַך בין איך אָבער זיכער: אַז אַ מענטש קוקט אַריין אין אַן אויסגעקרימטן שפּיגל וואָס מאַכט אים אויסקוקן, לאָמיר זאָגן, דין און לאַנג, מיינט ער, אַז אַזוי קוקט ער טאַקע אויס אין דער ווירקלעכקייט, אַז דינקייט און לאַנגקייט זענען זיינע אייגנשאַפטן, אין דער אמתן אָבער ליגן באָר די דאָזיקע אייגנשאַפטן נישט אין אים, נאָר אינעם שפּיגל.

אויב אַזוי האַלט איך דאָך, אַז נישט אין דער זאַך עקזיסטירן די אייגנשאַפטן, נאָר אין מיר, אַז דאָס וואָס איך רוף אַן „רעאַל", דאָס וואָס איך באַטראַכט אַלס ווירקלעכעס איז אין דער אמתן גאָר די קאָנסטרוקציע פון מיין אייגענעם מות, און פאָלגליך בין איך אַן אידעאַליסט?

קען זיין.

א

פון אַ בריוו.

... און נאָך אַ מאָל זאָג איך: ווי קומסטו צו פילאָזאָפיע? מיין נישט, אַז פילאָזאָפיע איז בלויז אַ שפּיל אין געדאַנקען, בלויז מוח-גימנאַסטיק, — פילאָזאָפיע — דאָס איז די העכסטע פאָרם פון פּאָעזיע, דאָס איז, ווי קאָראַלניק דריקט זיך ערגעץ אויס, די גרעסטע אָנשטרענגונג פון דעם מענטשן צו געפינען זיך אין דער וועלט און דער וועלט — אין זיך. ביי דיר אָבער איז פילאָזאָפיע עפּעס אַנדערש. ביי דיר איז פילאָזאָפיע גאָר אַן אָרט וווּהין צו אַנטלויפן פון זיך, אָט ווי דו אַליין דריקסט זיך אויס: „די איינציקע זאַך וואָס מיך אינטערעסירט, וואָס פאַרכאַפּט און פאַרשלינגט מיין געדאַנק און נעמט מיך אַוועק פון מיינע אייגענע דענקונגען איז בלויז פילאָזאָפיע".

פילאָזאָפיע אינטערעסירט דיך בלויז דערפאַר, וואָס זי נעמט דיך אַוועק פון דיינע אייגענע געדאַנקען, און דאָס באַווייזט אַז דו ביזט נישט קיין פילאָזאָפיש-דענקנדער ווען, אַז דו האָסט נישט דעם מינדסטן געפיל, די קלענסטע פאַרשטענדניש פאַר פילאָזאָפיע.

פילאָזאָפיע איז נישט אַן אָרט וווּהין צו אַנטלויפן פון

זיך, נאָר ווו זיך צו געפינען; דאָס איז נישט אַ מיטל צו פאַרטרייבן די אייגענע געדאַנקען, נאָר צו פאַרטיפן זיי, צו לייטערן זיי, צו דערקענען זיי און — זיך.

דו האָסט ליב צו לייענען ביכער איבער פילאָזאָפיע. איז דאָס טאַקע אַ גאַנץ גוטע זאַך, אָבער — — דו קענסט איבער־לייענען הונדערטער ביכער איבער פילאָזאָפיע, און דאָך נישט האָבן די קלענסטע אַנונג וואָס פילאָזאָפיע איז.

פילאָזאָפיע קומט נישט פון דרויסן אינווייניק אַריין, נאָר פון אינווייניק אין דרויסן אַרויס.

אַזוי ווי צו זיין גוט קען מען זיך פון ביכער נישט אויסלערנען אויב מען איז פון דער נאַטור שלעכט, אַזוי איז אויך בנוגע פילאָזאָפיע.

נישט קיין פילאָזאָף ביזטו, נאָר גלאַט אַ צערודערטער מענטש, אַ מענטש וואָס בלאָנדזשעט אַרום אינם גרויסן מדבר פון לעבן מיט טויזנטער טויטע און לעבעדיקע פאַ־לאַנגען אין האַרצן און ליידט; אַ מענטש וואָס שטרעבט צו עפּעס און ווייסט נישט צו וואָס; אַ מענטש וואָס קען זיך אַליין נישט געפינען.

יאָ, איך גיב צו, אַז דו האָסט פאַנטאַזיע. אָבער פאַנטאַ־זירן, פאַנטאַזירן אויך משוגעים. און וואָס איז אַ חלום, אויב נישט אַן עקסטרעם-פרייע פאַנטאַזיע? און חלומען חלומט יעדער!

און נאָך גיב איך צו אַז אינערלעך ביזטו אפשר טיף און ליבלעך און שיין און גוט, אָבער — — קענסטו גיין איבער אַ בריק וואָס ליגט ביים אינזשינער אין דער פאַנטאַזיע?

די אויפגאַבע פונם מענטשן איז צו לעבן לויט זיין אינ־ווייניקסטער נאַטור. ביזטו אינערלעך ליב און סימפּאַטיש, שיין און גוט, דאַרפסטו אַלע דיינע כּוחות אָנשטרענגען צו לעבן לויט דיין אינערלעכקייט. דו אָבער, נישט נאָר ווילסטו נישט

לעבן דיין אינערלעכן לעבן, נאָר דו אַנטלויפסט פון אים, אַזוי ווי ער וואָלט דיינער אַ שונא געווען.

און דעריבער זאָג איך נאָך אַ מאָל: ווי קומסטו צו פילאָזאָפיע!



* *

*

פון אַ בריוו.

... געלייענט האָסטו שפּינאָזאַן, זאָגסטו, און דו וווּנדערסט זיך: ווי אַזוי קען מען זיך עס אַזוי דערהויבן, אַז מען זאָל ליב האָבן גאָט אַזוי, אַז די ליבע און די ליידנשאַפטן צו די מאָדוסן זאָלן פאַרבלאַסט ווערן.

טאָ הער: די וועלט איז אַ ליד.

די פּאָעזיע פון דעם ליד, די שטימונג, וואָס האָט דאָס ליד אַרויסגעבראַכט און וואָס בלייבט אין דיר אפילו נאָכדעם, ווי דו האָסט דאָס ליד אינגאַנצן פאַרגעסן — דאָס איז, לאָמיר זאָגן, ג אָ ט. און די ווערטער און אותיות — מאָדוסן.

איז ווען דו ביזט אומוויסנדיק, און מער ווי איינצלנע אותיות ווייסטו נישט, קענסטו נישט, קוקסטו אויף דעם ליד און מער ווי די אותיות פון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט זעסטו נישט. איז זעסטו און האָסט ליב, צוליב די אָדער יענע אורזאַכן, דעם אות, אָדער יענעם. ביי די אותיות בלייבסטו.

ביזטו מער אַנטוויקלט גייסטיק און קענסט אויך לייענען — זעסטו גאַנצע ווערטער. די פּ אָ ע ז י ע פון דאָס ליד איז נאָך אָבער פון דיר פאַרבאָרגן. נישט דערגאַנגען ביזטו נאָך צו דער

שטימונג, צו דער נשמה וואָס שטראַלט אַרויס פונם ליד, זאָגסטו אַז דאָס ליד איז בלויז אַ צוזאַמענשטעלונג פון ווערטער, אַז אונטער די ווערטער איז גאָרנישטאָ, איז האָסטו צו טון מיט ווערטער בלויז.

ווען דו אַרבעטסט אָבער איבער דיך אַזוי לאַנג, אַז דו ביזט שוין בכוח „אָנצוטאַפּן" די נשמה פונם ליד, אַז די פּאָעזיע פונם ליד, אָט די נעבלהאַפטע, שטראַלנדיקע שטימונג ווערט פאַר דיר אַ רעאַליטעט, דו פילסט עס, זעסט עס — דאַן ליגן שוין דיר נישט אין זינען די אותיות און ווערטער. דו קענסט זיי שוין פאַרגעסן, ווייל די שטימונג וועט שוין שטענדיק זיך שאַטענען אין דיר.

*　　*

פון אַ בריוו.

... חוזק מאַכסטו פון מיין מעטאַפיזישן הונגער, פון מיין גראָבן זיך אין דער טיפעניש פונם לעבן. דו זאָגסט אַז דאָס לעבן, די וועלט, איז דאָס, וואָס מיר זעען. דיווירקלעכקייט. ס'איז נישטאָ קיין טיפעניש, זאָגסטו, די טיפעניש אין וועלכער איך גריבל זיך איז אַן אילוזיע בלויז. ווייל איך בין אַ שוואַכ־לינג און אַ פייגלינג און קען זיך נישט צופאַסן צום קאָנקרעטן לעבן, ווייל דאָס ווירקלעכע לעבן געפעלט מיר נישט, בוי איך שלעסער אין דער לופט, לעב איך אין דער פאַנטאַזיע.

נישטאָ קיין טיפעניש, זאָגסטו. און אַ ביישפיל גיסטו מיר: ווען איך זיץ מיט אַ געליבטע, ווען איך האַלדז זי און קוש זי. דאַמאָלט טראַכט איך נישט פון מעטאַפיזיק, דאַמאָלט זע איך נישט די טיפעניש פונם לעבן, דאַן פאַרגעס איך אָן די אַלע גריבלענישן און דאָס איז, זאָגסטו, ווייל דאַן בין איך צופרידן מיט דער ווירקלעכקייט, און ווייל אַזוי פאַרשפאָר איך זיך צו קאָמפּענסירן מיט אילוזיעס. איז הער:

מענטשן אין אַ וויסטעניש. זיי זענען דורשטיק. הויבט יעדער אָן פאַר זיך אַ ברונעם גראָבן. איז ווי נאָר איינער דערזעט וואַסער — מעג עס זיין ווי אומריין און נישט

געשמאַק — טרינקט ער זיך אָן און גראָבט נישט ווייטער. ער באַנוגנט זיך מיטן וואַסער ווי עס איז. דאָס איז דאָס וואַסער, זאָגט ער, קיין ריינערס און געשמאַקערס איז נישטאָ. און ער בלייבט ביי דאָס אומריינע וואַסער.

דער צווייטער אָבער שטעלט זיך נישט צופרידן מיט דאָס אומריינע וואַסער. האָבנדיק געשטילט זיין דורשט פאַר אַ ווייל, גיסט ער דאָס וואַסער אויס און גראָבט ווייטער, טיפער, און לויטערערס וואַסער הויבט קוואַלן אָן. און נישט זייענדיק צופרידן אפילו מיט דעם־אָ וואַסער — ווייל ער פילט אַז אין דער טיף זענען פאַראַן נאָך קלאָרערע, נאָך לויטערערע קוואַלן — גיסט ער אויך דאָס דאַזיקע וואַסער אויס און גראָבט ווייטער.

אמת, גרינג קומט עס אים נישט אָן, נישט ווייניק שטיינער באַגעגנט ער, און נישט ווייניק אָנשטרענגונג קאָסט אים זיי צו פאַזייטיקן און גראָבן ווייטער, טיפער. ער ווערט אָבער באַלוינט: ער דערגראָבט זיך צו טיפערע, צו ריינערע קוואַלן.

* * *

געטראַכט: אויך אַ בלינדער פון געבורט זעט די וועלט, אָבער נישט ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט, נאָר ווי ער שטעלט זי זיך פאָר אין זיין פאַנטאַזיע. זיין אַנונג, אָדער פאָרשטעלונג פון דער וועלט, הייסט עס, איז נישט אַ רעאַלע, נאָר אַ מיסטישע אַזוי צו זאָגן.

ווען דער זעלביקער מענטש וואָלט מיט אַמאָל זעענדיק געוואָרן, אַזוי וואָלט זיין מיסטיציזם בגוגע דער וועלט פאַר־שווונדן גלייך, און ער וואָלט דערזען אַז די גאַנצע צייט האָט ער געלעבט אין טעות.

און אַ געדאַנק האָט אויפגעבליצט אין מיר: עס קען דאָך זיין, אַז די מיסטיקער זענען נישט, ווי עס איז אָנגענומען, טיף-זעענדיק, נאָר אדרבה פאַרקערט – לחלוטין בלינד, און זייער מיסטישע וועלט-אָנשויונג איז גאָר אַ פּראָדוקט פון זייער בלינדקייט! ס׳הייסט, ווייל זיי זענען בלינד, ווייל זיי האָבן נישט די פעיקייט צו זען דער וועלט ווי זי איז אין דערווירקלעכקייט, דערפאַר פאַלן זיי אין מיסטיציזם אַריין!

ב

אַטמאַן און נירוואַנאַ

„אכן יש אלהים במקום הזה ואנכי לא ידעתי".

אָט דער „אנכי", דער עגאָ, דערלאָזט נישט דעם מענטשן צו זען די געטלעכקייט; דער „אנכי", דער איך, פאַרטונקלט און פאַרשטעלט דעם מענטשנס דעת, אַזוי אַז ער קען נישט צוקומען צו דער געטלעכער השגה.

* *
*

מעטאַפיזיק איז פּאָעזיע איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון לאָגיק.

גערדאַנק

איז

קריסטאַליזירט

געפיל.

* *
*

שטייסטו אויפן שפּיץ פון לייכט-טורעם –
האַלט זיך פעסט מיט אַל דיין קראַפט אָן עפּעס אָן
און קוק אַרויף, קוק אַרויף
צו די וווּנדערלעכע הויכן איבער דיר!
ווּעסטו פאַרגעסן זיך נאָר אויף איין אויגנבליק
און אַראָפּקוקן אויף אונטן,
אַריינבליקן אין טיפן תהום פון ברויזנדיקן ים.
באַגערנדיק צו דורכדרינגען די שטורמדיקע כוואַליעס
וואָס זענען אין אַן אייביקן געראַנגל מיט די פעלזן –
ווּעסטו דיין גלייכגעוויכט פאַרלירן
און אַראָפּפאַלן דו וועסט מיט בליצנדיקער שנעלקייט
און אַ צעשמעטערטן
דערשלינגען וועלן דיך די כוואַליעס
און קיין זכר וועט פון דיר נישט בלייבן...

* *
*

כי לא יראני האדם וחי.

אַ מענטש קען נישט אַריינבליקן אין דער טיפסטער טיפעניש פונם לעבן, אין דער נשמה פון דער וועלט, און ביים קלאָרן פאַרשטאַנד בלייבן.

ניטשע, שטעל איך מיר פאָר, איז משוגע געוואָרן נישט ווייל אין זיין מאַרך איז עפּעס קאַליע געוואָרן, נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרטיפט אין דער נשמה פונם לעבן, אַזוי לאַנג געזוכט דעם אומדערקלערבאַרן סוד פונם זיין, ביז וואַנען אים איז געלונגען אַריינצובליקן מאחורי הפרגוד, אָבער ווי ער האָט נאָר אַ טיפן בליק געטון אַהין, אַזוי האָט אַ געוואַלטיקע פאַרבלענדניקע שיין אים באַגאָסן, און פון גרויס ליכטיקייט איז ער פאַרבלענדט געוואָרן.

... נו, איך ווייס וואָס, אַז ניטשע האָט פון פאַרעטים געליטן.

IV

א

דאָס לעבן איז גוט. זאָגן די זעלבסטצופרידענע אָפּטימיסטן.
דאָס לעבן איז שלעכט. זאָגן די אויבערפלעכלעכע פּעסימיסטן.
דער קלוגער אָבער זאָגט: דאָס לעבן איז נישט גוט און נישט שלעכט.
דאָס לעבן איז ווי אַ ליידיק גלאָז: גיסט מען אין איר אַריין מילך, ווערט זי ווייס, ווײַן — ווערט זי רויט.
דאָס לעבן איז ווי אַ שאַרפער גאָל-מעסער: איינער גאָלט זיך אָפּ מיט אים און גלאַט ווערט זיין פּנים און ריין,
אַ צווייטער — צעשניידט זיינע באַקן, צעבלוטיקט זיי.
מען דאַרף וויסן ו ו י צו לעבן. מען דאַרף ק ע נ ע ן לעבן, אַזוי ווי מען דאַרף וויסן און קענען ווי מיט אַ גאָל-מעסער זיך באַנוצן.

*

און לעבן אָן קאַמף איז ווי אַ לאָקאָמאָטיף אָן דאַמף.

---

* *

*

מים חיים. דאָס לעבן איז געגליכן צו וואַסער. אַזוי ווי וואַסער נעמט שטענדיק אָן די פאָרם פון דער כּלי אין וועלכע עס געפינט זיך, אַזוי נעמט דאָס לעבן שטענדיק אָן די פאָרם פונם מענטשן, אין וועלכן עס געפינט זיך.

* *
*

... און נאָך אַ מאָל זאָג איך און וועל זאָגן: די באַהויפּ־טונג פון די פּעסימיסטן, אַז דאָס לעבן — דאָס לעבן אין אַלגעמיין, אין טיפן זין — איז אומזיניק און נישטיק, איז — אומזיניק און נישטיק!

די צרה מיט אונדז איז, וואָס אונדזערע פּראַקטישע לעבנס־אינטערעסן פאַרשטעלן פון אונדז דאָס אמתע לעבן, אונדזער קוקן אויף יעדע זאַך דורך צוועקמעסיקייט־ברילן לאָזט אונדז נישט זען די נשמה פונם לעבן.

אין יעדע זאַך זוכן מיר אַ זין, אַן אינהאַלט, צוועק־מעסיקייט, און דאָס פאַראויבערפלעכלעכט אונדז.

אין דער הינזיכט זענען קינדער אַ סך קליגער און טיפער און אמתער פון אונדז. זיי, זייענדיק פריי פון די טאָג־טעגלעכע לעבנס־אינטערעסן, פון פּראַקטישקייט און צוועקמעסיקייט, — זיי זעען אַ „זין״ אין אַלע זאַכן, אפילו אין די „נישטיקסטע״, „אומזיניקסטע״.

און נאָך עפּעס: זיי זאָגן אַז דאָס לעבן איז אומזיניק, ווייל זיי — און נישט נאָר זיי, נאָר מיר אַלע שטערבלעכע — פאַרשטייען נישט און באַגרייפן נישט דאָס לעבן אין זיין גאַנצקייט און טיפקייט, זיי זעען נישט דאָס לעבן אין זיין וועזנטלעכקייט.

ווען מען נעמט די אותיות פון אַ טיף וווּנדערלעך ליד און מען צעמישט זיי, מען וואַרפט זיי צוזאַמען אָן אַ סדר און מען ווייזט אונדז אָן אויף זיי און מ׳פרעגט אונדז וואָס מיר דענקען וועגן זיי, איז מיר, וועמען דאָס ליד איז אומ־באַקאַנט, מיר, וועלכע ווייסן נישט אפילו אַז די אותיות שטעלן צונויף אַ געדיכט — מיר וועלן זאָגן אַז דאָס איז אינהאַלטסלאָז און אומזיניק.

דער וואָס ווייסט אָבער אַז די אותיות זענען פון אַ ליד

און ווען מען דאָס ליד איז באַקאַנט — אָט דער וועט נישט זאָגן אַז דאָס איז אומזיניק. דער וועט אָן שווערקייט צונויפבינדן די אַלע אותיות און דאָס ליד וועט פאַר אים אין זיין גאַנצער וווּנדערלעכקייט, טיפקייט און הערלעכקייט דערשיינען.

מיר זעען נישט דאָס לעבן אין זיין גאַנצקייט, אין זיין וועזנטלעכקייט, מיר זעען בלויז אויסדרוקס-טיילן זיינע, זיינע אותיות, אַזוי צו זאָגן, און ווייל אַזוי דענקען מיר אַז דאָס לעבן איז אומזיניק.

* *

*

געטראַכט: ליגט אַ וואָרעם אין אַן עפּל אַ צעפּוילטן, אַ ווערעמדיקן — ער אַליין האָט דעם עפּל פאַרפּוילט און פאַר-ווערעמדיקט! — און זאָגט: עפּל — דאָס זענען פוילע און ווערעמדיקע זאַכן, די נאַטור פון עפּל איז צעפּוילונג און ווערעמדיקייט!

קענסטו אים איבערצייגן אַז דאָס איז נישט אַזוי, אַז דער עפּל אין וועלכן ער געפינט זיך איז טאַקע צעפּוילט און ווערעמדיק — און דאָס איז נישט ווייל די נאַטור פון עפּל איז צעפּוילונג און ווערעמדיקייט, נאָר ווייל ער אַליין, דער וואָרעם, האָט אים פאַרפּוילט און פאַרווערעמדיקט! אָבער אַז די אַלע איבעריקע עפּל, אַז עפּל בכלל זענען „געזונט", ריין, שיין און געשמאַק, — קענסטו אים איבערצייגן אין דעם? ניין! ווייל ווי ער וועט נאָר אַריין אין אַ „געזונטן", שיינעם עפּל, כדי מיט די אייגענע אויגן, אוממיטלבאַר, זעען און זיך איבערצייגן אין דער אמתדיקייט פון דיין באַהויפּטונג, וועט ער, דער עפּל, גלייך פאַרווערעמדיקט ווערן.

וואָרהאַפטיק. צו אַן עפּל-וואָרעם איז דער דעקאַדענט, דער וואָס איז פרעמד צום לעבן און מחמת דעם פאַרניינט ער אים, געגליכן!

א

געטראַכט: דער מענטש, ווי יעדע זאַך אין דער נאַטור, איז נישט אַ זאַך, נאָר אַ דערשיינונג בלויז. איז וואָס האָט ער וואָס צו מורא האָבן פאַרן טויט? די דערשיינונג, זייענדיק בלויז אַ צייטווייליקער אויסדרוק פון אַ זאַך, פאַרשווינדט טאַקע, די זאַך אָבער אַלס זאַך אין זיך בלייבט דאָך.

עס ווערט „געבוירן" אַ בליץ און „שטאַרבט", פאַרשווינדט, אונדז דוכט זיך אָבער אויס בלויז אַז אַ בליץ איז „געבוירן" געוואָרן און פאַרשוונדן, „געשטאָרבן", אין דער אמתן אָבער איז ער נישט „געבוירן" געוואָרן און נישט „געשטאָרבן". די עלעקטריע איז בלויז אויף אַ קורצער ווייל פאַר אונדז זעבאַר געוואָרן.

אונדזער פעיקייט צו דערזען, אויף אַ מאָמענט, די עלעקטריע רופן מיר אָן „בליץ". פאַרשווינדן פאַרשווינדט בלויז אונדזער זעעוודיקייט פון דער עלעקטריע, אָבער נישט די עלעקטריע גופא.

נאַרישער מענטש, וואָס האָסטו מורא פאַרן טויט? דיין קערפּער ווערט דאָך סיי ווי נישט פאַרניכטעט נאָכן טויט, ער בלייבט גאַנץ ווי געווען, איז נישט אין דער פאָרם איז אין אַן אַנדערער, אלא וואָס דען דו האָסט מורא צוליב דעם וואָס

די וועסט דיין באַוווסטזיין פאַרלירן איז פרעג איך דיך: צו וואָס פאַר אַ שוואַרצע יאָרן דאַרפסטו אינגאַנצן האָבן אַ באַ-וווסטזיין!

דער גאַנצער באַוווסטזיין, מ'שטיינסגעזאָגט, איז דאָך נישט מער ווי אַ קנעכט ביים זעלבסט-דערהאַלטונג אינסטינקט, ער איז דאָך נישט מער ווי אַ שטיקל געצייג ביים ווילן צו זיין, ביים דראַנג צו עקזיסטירן.

נישט די עקזיסטירסט צוליב דעם באַוווסטזיין, נאָר דער באַוווסטזיין עקזיסטירט צוליב דיר. נו, אויב אַזוי האָסטו דאָך נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם פאַרלוסט פון דיין באַ-וווסטזיין, ווייל אפילו נאָכדעם ווי דו וועסט אים פאַרלירן וועסטו דאָך נאָך אַלץ עקזיסטירן, וועסטו דאָך נאָך אַלץ זיין.

דו זאָגסט אַז דו ווייסט עס, נאָר וואָס דען דו ווילסט זיין, עקזיסטירן אין דיין איצטערדיקער פאָרם, האָסטו דאָך דאָס זעלבע אויך געזאָגט זייענדיק ביי דיין מאַמען אין טראַכט. דאַן האָסטו אויך געוואָלט זיין אין דער דאַמאָלטיקער פאָרם, און אַז דו האָסט געדאַרפט „שטאַרבן", ד. ה. אַרויסגיין פון דער וועלט אין וועלכער דו האָסט זיך דאַן געפונען און אין דער וועלט אַריינצוקומען, האָסטו געוויינט און געשריגן, דו האָסט נישט געוואָלט „שטאַרבן" ווייל נישט געוווסט האָסטו אַז דיין אמתער לעבן וועט זיך ערשט אָנהויבן אויף דער וועלט, אין דער וועלט אין וועלכער דו ביזט איצטער.

איז פאַרוואָס זאָלסטו איצטער, זייענדיק אַ מענטש מיט שכל, זאָגן דאָס זעלבע וואָס דו האָסט, זייענדיק ביי דער מאַמען אין טראַכט געזאָגט?

*

פאַר מיר איז דער ענין „לעבן-טויט" אין דעם מאָמענט, אַזוי קלאָר, אָבער — ווי זאָגט א. ווייטער: „זען זע איך, נאָר ווייזן אַנדערע, זיי זאָלן זעען ווי איך זע, קען איך נישט.

מיין אינערלעכער איך איז פעיקער און אינטערעסאַנטער פאַר מיין אויסערלעכן שרייבער אין מיר".

*　　　*

*

ערשט דאַן ווען עס פאַרוועלקט אין דיר די מורא פאַרן טויט, קען אין דיר די ליבע צום לעבן אויפבליען.

דאָס לעבן איז אַ צאַרטע בלום. כדי צו בליען און בּאַדייען דאַרף עס, ווי די בלום, טוי, ליכט און וואַרעמקייט האָבן.

נשמה־פאַרכאַפּנדיקע אינטערעסן, דער אויסדרוק פון דעם אינערלעכער ליכטיקייט און ליבע — דאָס איז דער טוי, ליכט און וואַרעמקייט אין וועמענס זכות דאָס לעבן קען אינעם מענטשן בליען און געדייען.

די בלום ווייסט אויך, ווי דער מענטש, אַז זי וועט מיט דער צייט פאַרוועלקט ווערן, — הערט זי אָבער אויף נאָך ליכט און וואַרעמקייט צו שטרעבן? וויל זי דען דערפאַר פאַר דער צייט פאַרוועלקט ווערן?

אַ בלום וועלקט, דערפאַר אָבער בליט זי.

אַ דאָרן וועלקט נישט, איז ער אָבער שטענדיק דורכלאָז און טרוקן.

וואָס איז דער זין פונם לעבן? פרעגט איר. און וואָס איז, פרעג איך, דער זין פון מוזיק? דער זין פון מוזיק איז די מוזיק זעלבסט!

„אומזיניק איז דאָס לעבן"! זאָגט איר אין אייער פאַרצווייפלונג, אָבער באמת זאָג איך אייך: נישט דאָס לעבן איז אומזיניק, נאָר די פאַרצווייפלונג אייערע!

די שענסטע פאַרבן זענען ווערטלאָז פאַר בלינדע אויגן. וואַרהאַפטיק, די פאַרצווייפלונג ליגט ווי בעלמעס אויף די אויגן אייערע און בלינד זענט איר!

V

געטראַכט: אָפּטימיזם און פּעסימיזם — דער ענין איז דאָך אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, און מענטשן דעבאַטירן וועגן דעם! די אמתדיקייט פון דער פּעסימיסטישער וועלט־אָנשויונג איז דאָך אַזוי באַשיינפּערלעך קלאָר, אַזוי איינפאַך און זעלבסט־פאַרשטענדלעך, און מענטשן דיסקוטירן וועגן דעם!

פּעסימיזם. דער מענטש האָט מורא צו קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין. ער האָט פיינט יעדע זאַך וואָס מאַכט אים פילן שלעכט, רוקט ער זיין קאָפּ אינם זאַמד פון אָפּטימיזם אַריין און טרייסט זיך: אַלץ איז גוט און פיין. ער זעט נישט — ווייל ער וויל נישט זען — און פאָלגליך אָנערקענט ער נישט די געפאַרן וואָס לויערן אויף אים.

ער ווייסט נישט — ווייל ער וויל נישט וויסן — אַז דער אָפּטימיזם טראָגט זיין אייגענע אָפּלייקענונג אין זיך; אַז דער אָפּטימיזם זעלבסט איז דער בולטסטער באַווייז, דער שטאַרק־סטער אַרגומענט פאַר פּעסימיזם. ווייל וואָס איז אייגנטלעך די נשמה פון אָפּטימיזם? האָפענונג און אילוזיע. און דאָס מיינט, צום סוף, אַנטוישונג, פאַרביטערונג. אין בעסטן פאַל: גלייכ־גילטיקייט און אין בעסטעסטן פאַל: דאָס קלאַמערן זיך אָן נייע האָפנונגען און אילוזיעס: — נייע אַנטוישונגען.

האָפנונג: שטייגן פאַרן אַראָפּפאַל. אילוזיע: אַ שאַרף ליכט וואָס מאַכט די פינסטערניש זאָל שפּעטער זיין נאָך שטאַרקער, נאָך געדיכטער.

האָפנונג און אילוזיע: אַ פאַטאַ-מאַרגאַנאַ, וווּנדערלעכע קוואַלן לעבן די פיס פון גרין-באַבלעטערטע בוימער פון דער-ווייטנס, און ליב איז אונדז דער שווערער וואַנדער. באַלד וועלן מיר אַן אָאַזיס דערגרייכן און אַז מיר קומען צו נאָענט, ערשט: גאָרנישט, אַ צערונענער חלום.

* *
*

איך האָב ליב פּעסימיזם. אָבער נישט דעם קרענקלעכן, אומפּרודוקטיווען פּעסימיזם פון די אַלטע, קראַנקע און לעבנס-מידע, נאָר דעם געזונטן, שעפערישן פּעסימיזם פון די יונגע און לעבנס-דורשטיקע, דער פּעסימיזם וואָס נעמט זיך פון דעם, וואָס מען שטעלט גרויסע פאָדערונגען צום לעבן, וואָס מען וויל די גאַנצע וועלט אַרומנעמען און מען קען נישט.

בלויז פּעסימיזם איז שעפעריש און ערשט דער פּעסימיסט לעבט אַן אינטערעסאַנטן, אינטענסיוון לעבן.

דער אָפּטימיסט זאָגט: דאָס לעבן איז גוט און מען דאַרף דאָס גוטס פאַרגרעסערן און פאַרמערן. איז אָבער די מעשה, אַז ווען אַ מענטשן איז גוט, אָדער ווען ער דענקט אַז ס'איז אים גוט, ווערט ער פאַרגליווערט. ער קען טאַקע וועלן דאָס גוטס פאַרגרעסערן און פאַרמערן — ער וועט אָבער נישט קעמפן פאַר דעם. עס פעלט אים אַן „אינצענטיוו".

דער פּעסימיסט אָבער זאָגט: דאָס לעבן איז שלעכט און מען דאַרף דאָס שלעכטס פאַרמינדערן. איז ער רעבעלירנ-דיק, קעמפט ער, איז זיין לעבן פול מיט אימפעט און שווונג.

* *
*

אין אַלע ווינקלען פונם לעבן
זענען סודות פיל פאַרבאָרגן;
אין אַלע הילכיקע געלעכטערס
וווינען וויינענדיקע זאָרגן.

אינם האַרץ פון דיינע שמייכלען
קלאָגט דער טרויער,
אונטער דעם געלעכטער דיינעם
וויינט דער אומעט.

דיינע אויגן שיינען, גלאַנצן —
שטיל וויינט דיין נשמה.
פון דיין אומעט ווילסט אַנטלויפן
און ער יאָגט דיך נאָך.

* *
*

... און מענטשן, ווי די יידן אין דער מדבר,

בלאָנדזשען אום פאַרשמאַכטע אינם לעבן,

מיט צינגער צוגעקלעפּטע צו די גומענס

און שרייען: וואַסער, וואַסער...

אָבער — —

נישט קיין טייכן, נישט קיין קוואַלן —

בלויז שטיינער שטומע...

וואַסער, וואַסער... —

כאַפּן זיי אַרום די שטיינער

און בעטן זיך מיט רחמים: וואַסער...

שלאָגן זיי די שטיינער מיט די שטעקנס זייערע

אפשר וועט זיך וואַסער דאָך באַווייזן

און — —

שטום און טרוקן זענען אַלע שטיינער...

— — — — — — — — — — — — — —

נישטאָ קיין משה...

* *
*

געשמועסט מיט אַ חבר וועגן לעבן און ליידן.

„ליידן איז גוט, מאַכט ער, זיי דערלאָזן נישט דעם מענטשן פאַרראָסטעט ווערן. גוט זענען די שטערונגען און די שטרויכלונגען פונם לעבנס-וועג. זיי שאַרפן דעם מענטשנס מוח, זיי אַנטוויקלען זיין אינטעלעקט, זיין פעיקייט צו דענקען.

ווען דער וועג פונם לעבן וואָלט גלאַט געווען, וואָלט דער אינטעלעקט פונם מענטשן טעמפּ געוואָרן, ער וואָלט פאַר־ראָסטעט געוואָרן.

יסורים פאַרן מענטשן איז ווי פייער פאַר ציגל: ווייך און שוואַך זענען די ציגל ווען זיי ליגן אינם פאָרם, אָבער האַרט און שטאַרק ווערן זיי ווען זיי קומען פונם פייער אַרויס.

יסורים פאַרן מענטשן זענען ווי רייפן פאַר אַ פאַס: די רייפן דריקן זי, זאָלן זיי אָבער אַראָפּפאַלן און זי, די פאַס, וועט צעפאַלן ווערן.

געבענטשט זאָלן זיין די ליידן פון דער וועלט!

און געענטפערט האָב איך אים:

ביינאַכט, ווען ס'איז פינסטער, דאַרף דער וואַנדערער אַ לאַמטערן האָבן, וואָס זאָל אים דעם וועג באַלייכטן. אָבער אַז די נאַכט פאַרשווינדט און די זון שיינט אויף — צו וואָס דאַרף ער דאַן האָבן דעם לאַמטערן?

דעם אינטעלעקט דאַרף מען האָבן, כדי די שטערונגען און די מכשולים פונם לעבן צו באַזייטיקן, אָבער אַז דאָס לעבן וועט זיין גלאַט, אָן שטערונגען און אָן שטרויכלונגען — צו וואָס וועט מען אים, דעם אינטעלעקט, באַדאַרפן דאַן? ער וועט פאַרטעמפּט ווערן? — זאָל ער! — — —

דאַן וועט דער מענטש מיט קונסט פאַרנעמען זיך, און מיט דער אַנטוויקלונג פונם אייגענעם, אינערלעכן לעבן.

VI

*   *
*

דער קינסטלער איז דאָס אויג פון דער וועלט!

ווילט איר וויסן, איר פּראַקטישע, איר פאַרהאַרטעוועטע, איר צום לעבן-צוגעפּאַסטע פאַרוואָס דער קינסטלער, דער מענטש מיט אַ טיפן אין-זיך-אַריינבליקנדיקן גייסט איז אַזוי עמפּינדלעך, אַזוי אומצופרידן, רעבעלירנדיק און נערוועיש? טאָ הערט:

דאָס קלענסטע קערנדל שטויב, ווען עס פאַלט אַריין אין אויג, צערודערט זי, מאַכט זי „נערוועז", פילט זי אָן מיט ווייטיק און טרערן.

אויסערגעוויינטלעך צאַרט און איידל איז דאָס אויג און זי קען דאָס מינדסטע שטויב-קערנדל אָדער שמוץ נישט פאַרטראָגן און — —

דער קינסטלער איז דאָס אויג פון דער וועלט.

* *
*

קונסט
איז
קאָנדענסירט
קאָנצענטרירט
און
קריסטאַליזירט
לעבן.

● ● ●

* *
*

וויסנשאַפט איז אין דער בחינה פון פאַרשטאַנד,
קונסט — אין דער בחינה פון עמאָציע.
וויסנשאַפט איז מדת-הדין, קונסט — מדת הרחמים.
דער קריטעריום פון קונסט איז ל י ב ע.
ווו ליבע דאָרט איז באַגייסטערונג, אויפריכטיקייט
און אינערלעכע באַציונג.

*

איך האָב ליב אַ בילד נישט צוליב דער פאַרב, שטריכן,
ליניען און ליכט-און-שאָטן *שפּיל*, — נישט צוליב איר גוף;

וואָס איך האָב ליב אין אַ בילד איז איר נשמה, און דאָס איז די ליבע וואָס דער מאָלער האָט אין איר אַריינגעלייגט.

די ליבע וואָס דער מאָלער לייגט אַריין אין דאָס בילד שטראַלט אַרויס פון איר און דרינגט צו מיר אין האַרצן אַריין. און ליב קריג איך דאָס בילד מיט דער גרויסער ליבע פון דעם מאָלער.

און אַזוי אויך וואָס אַנבעלאַנגט די איבעריקע צווייגן פון קונסט.

* *
*

געטראַכט: פּאָעזיע, דאָס איז אַ רעגנבויגן וואָס אַנטשטייט פון דעם, וואָס די שטראַלן פון דער זון פונם דיכטערס גייס-טיק-עמאָציאָנעלן וועזן שפּיגלען זיך אָפּ און ווערן איבער-געבראָכן דורך די רעגנטראָפּנס פון דער ווירקלעכקייט;

פּאָעזיע, דאָס איז דאָס העלע ליכט וואָס באַלייכט דעם גרענעץ וואָס צווישן ווירקלעכקייט און חלום;

פּאָעזיע, דאָס איז דער רענטגען-שטראַל וואָס דרינגט דורך דעם קערפּער פונם לעבן, און מאַכט פאַר אונדז זעבאַר זיינע פאַרבאָרגנקייטן.

*

איך זאָג פּאָעזיע און נישט קונסט, ווייל: קונסט איז פּאָעזיע. אַלע פאָרמען פון קונסט זענען בלויז די לבושים

פון פּאָעזיע. ריכטיקער געזאָגט: פּאָעזיע אויסגעדריקט אין פאַרשידענע אופנים.

... און וואָס איז דען אַרכיטעקטור און סקולפּטור,
אויב נישט פּאָעזיע אין שטיין און אין ליים?
און וואָס איז מוזיק דען און וואָס מאָלעריי,
אויב נישט פּאָעזיע אין קלאַנג און אין פאַרב?

VII

פון אַ בריוו.

... מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט קענען צונויפרעדן זיך. פון צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן.

מיין וועלט איז באַזירט אויפן ווילן צו מאַכט — אין טיפסטן זין פונם וואָרט — און דיין וועלט — אויפן ווילן צו זיין.

אין מיר דאָמינירט ע ג אָ און אין דיר — ל י ב ע.

ביי מיר איז ליבע בלויז איין אינטערעס צווישן אַ סך אַנדערע אינטערעסן, און ביי דיר איז ליבע דער הויפט אינהאַלט פון דיין לעבן.

אין קורצן: איך בין אַן אינטראַווערט. אויף סטימולן רעאַגיר איך מיט דענקען. דו ביזט אַן עקסטראַווערט. דו רעאַגירסט אויף סטימולן מיט האַנדלונג.

איך שעם זיך גאָרנישט צו מודה זיין אַז איך בין אַן עגאָיסט. יאָ, איך בין אַן עגאָיסט! אָבער מ יי ן דעפיניציע פון עגאָיזם איז אַ גאַנץ-אַנדערע ווי עס איז אָנגענומען.

הער:

מיין עגאָ איז הונגעריק און ער וויל שפייז. איז קומט אַהער איר אַלע קליינע מענטשעלעך און זאָל מיין עגאָ זיך

זעטיקן מיט אייער אינפעריאריטעט! קומט אהער איר אלע בלאטע-פישלעך און זאל מיין עגא-לויתן פארשלינגען אייך!

איר זענט די פינסטערניש וואס מאכט מיין ליכט-שיין שטארקער און העלער, ווען נישט איר ווי וואלט איך געוווסט אז איך בין א בלענדנדיק ליכט! איז קומט אהער איר טרעגער פון דער פינסטערניש און זאל מיין עגא זען וואס פאר א לויטערע און קלארע ליכט עס שטראלט פון אים ארויס!

... און דיך דארף איך נישט האבן אלס א מיטל צו-פרידן צושטעלן מיין בענקשאפט נאך ליבע, נאר אלס שפייז פאר מיין עגא. נישט מיין ליבע הונגערט, נאר מיין עגא!

קענסטו דינען אלס שפייז פאר מיין הונגעריקן עגא? אויב יא — באשטים א צייט ווען צו טרעפן זיך, און זאל מיין עגא פארשלינגען דיך! זאלסט אבער זען צו זיין ווייך און גלאט, כדי מיין עגא זאל דיך קענען פארשלינגען אן מאטער-ניש!

... ליבע. וויפיל מענטשן מיט ווייבערשע נשמות האבן עס נישט באזונגען די הייליקייט און דערהויבנקייט פון ליבע! מיט בלינדער באגייסטערונג באזינגען זיי דער ליבע, און זיי ווייסן נישט אז ליבע איז בלויז א מיטל — איינער פון א סך מיטלען — ווי צו גלעטן דעם עגא, ווי צו פארשאפן אים פארגניגן!

און אפילו מיט דיר איז עס אויך אזוי. ליבע האסטו געהאט — און קענסט האבן — איבערגענוג. פארוואס אבער ביזטו נישט צופרידן מיט דעם? דאס איז ווייל אזעלכע ליבעס האבן נישט צופרידנגעשטעלט און שטעלן נישט צופרידן דיין עגא. דו ווילסט האבן א ליבע אויף וועלכער דו זאלסט קענען זאגן: דאס באלאנגט צו מיר!

דו ווילסט באזיצן דעם אביעקט פון דיין ליבע אזוי ווי א קינד וויל באזיצן זיינע שפילצייג, און דאס איז דער העכסטער אויסדרוק פון עגאיזם!

איך האב דיר געוואלט אוועקשענקען מיין ליבע. פארוואס

האסטו עס אָבער אוועקגעשטויסן? דאָס איז ווייל דו האָסט מיך, דעם אָביעקט פון דער ליבע, נישט געקענט באַזיצן!

... ס׳איז ענגאַ איבער אַלעס און דיך דאַרף איך האָבן בלויז אַלס באַלזאַם פאַר מיין ענגאַ!

... און דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז ווען עס קומט צו רעדן בין איך אַ שטאַרקער, אין דער ווירקלעכקייט אָבער האָב איך מורא פאַר מיין אייגענעם שאָטן — דאָס אַרט מיך נישט. דער דאָזיקער זאָג דיינער איז בלויז אַ קאָמפּענסאַציע צו פאַרדעקן דיין אינפעריאָריטעט-געפיל. דו דענקסט אַזוי, ווייל דו ווילסט אַזוי דענקען. זייענדיק אַ שוואַכלינג און אַ פייגלינג און פילנדיק זיך מינדערווערטיק און געפאַלן קענסטו נישט צולאָזן צו זיך דעם געדאַנק אַז איך בין דער געגנזאַץ פון דעם.

אַז אין רעדן, ווי אויך אין שרייבן, בין איך שטאַרק דאָס מוזסטו צוגעבן, ווייל דו קענסט זיך נישט העלפן. דער פאַקט איז צו בולט. דו הערסט מיין רעדן און דו לייענסט מיין שרייבן. מיט מיינע האַנדלונגען אָבער, מיט מיין ווירקלעכן לעבן, איז שוין עפּעס אַנדערש. קומט צו דעם דאָזיקן געביט קענסטו זיך שוין באַנוצן מיט אויסטייטשונגען און, פאַרשטייט זיך, אַז טייטשן טייטשסטו אויס ווי דיין עגאָ לוינט זיך בעסער.

... ס׳איז אַ מערקווירדיקע זאַך (פאַלאַזשים, ס׳איז שוין גאָר נישט מערקווירדיק!) ווי אוניפאָרמיק די מאַסע פילט בנוגע גרויסע מענטשן, שאַפער. ווען מיר כאַפּן אַ בליק אין די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן, איבערהויפּט פון די וואָס האָבן געלעבט אין דער צייט פון דעם פינסטערן מיטלאַלטער, באַמערקן מיר גלייך ווי גרויס עס איז געווען די ראָליע וואָס דער אינפעריאָריטעט-געפיל האָט געשפּילט אין דער מאַסעס קוק אויף זיי, די גרויסע מענטשן.

אָט לייענען מיר, למשל, אַז ווען עקס האָט דערפונדן די און די מאַשין האָט די מאַסע אים באַטראַכט אַלס אַ מענטשן אין וועמען אַ רוח איז אַריין. אַ צווייטן דערפינדער

האָבן זיי באַטראַכט אַלס אַ מענטשן וואָס האָט זיין נשמה צום טייוול פאַרקויפט א. אַ. וו.

די פסיכאָלאָגיע פון דעם ליגט פון אויבנאויף.

די מאַסע, זייענדיק באַזעסן מיט אַ געפיל פון מינדער־ווערטיקייט, האָט נישט געקענט צולאָזן צו זיך דעם געדאַנק אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס זענען ווירקלעך גרויס, העכער־ווערטיק. ווייל וואָלט זי דאָס צוגעגעבן, וואָלט עס געווען די זעלבע זאַך, ווי זיך מודה צו זיין אַז זי איז מינדערווער־טיק. און דאָס האָט זי נישט געוואָלט און וויל נישט, די מאַסע.

איי דער פאַקט אַז ער, דער דערפינדער, דער שאַפער, איז פאָרט גרויס, אַ סימן: אָט האָט ער דאָך עפּעס אויפגעטון נייעס און דער פאַקט פאַטשט אין פנים? האָט זי אָבער, די מאַסע, אַ גירוץ: ער איז טאַקע אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, נישט גרעסער און נישט העכער־ווערטיק, נאָר וואָס דען? ער האָט זיין נשמה צום טייוול פאַרקויפט און די מאַשין, הייסט עס, איז נישט אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענער גרויסקייט, נאָר אַ פּראָדוקט פונם טייוול. און דער טייוול, פאַרשטייט זיך, קען אַלעס...

א

געטראַכט: די צרה מיט מיר איז וואָס מײַנע צוויי פונ־דאַמענטאַלע אינסטינקטן: דער אינסטינקט פון זעלבסט־פּרעזער־וואַציע און דער אינסטינקט פון ראַסן־פּראָפּאַגאַציע, לעבן נישט בשלום.

און טראַכטנדיק וועגן די דאָזיקע צוויי אינסטינקטן האָבן זיך בײַ מיר געדאַנקען אָנגעהויבן קייטלען, אַסאָציאירן זיך און אַזוי פּאַוואָלינקע האָב איך, אין געדאַנק, אַ גאַנצע עסיי אָנ־געשריבן וועגן דעם.

דער תּמצית פון דעם איז: אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען, באַוווסטזיניקע און אומבאַוווסטזיניקע, אַלע פיזישע און פּסיכישע פּראָצעסן פונם מענטשן קען מען צוריקפירן צו די דאָזיקע צוויי אינסטינקטן.

דער זעלבסט־פּרעזערוואַציע אינסטינקט איז באַזירט אויף איך, דער ראַסן־פּראָפּאַגאַציע — אויף דו.

אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען וואָס שטאַמען פונם פּרי־מיטיוון „ווילן צו זײַן" און פונם טובלימירטן „ווילן צו מאַכט" זענען קינדער פונם זעלבסט־פּרעזערוואַציע אינסטינקט, און אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען וואָס שטאַמען פון ליבע, רחמנות א. אַ. וו. זענען קינדער פונם ראַסן־פּראָפּאַגאַציע אינסטינקט.

די נשמה פונם זעלבסט-פרעזערוואַציע אינסטינקט איז מ אַ כ ט, און די נשמה פונם ראַסן-פראָפּאַגאַציע אינסטינקט איז ל י ב ע.

וועלכער אינסטינקט איז שטאַרקער? אונדז דוכט זיך אַז דער זעלבסט-פרעזערוואַציע אינסטינקט איז עס. ווייל אָט דער אינסטינקט איז אונדז אוממיטלבאַר באַוווסט, ער ליגט אין אונדזער באַוווסטזיין, אין צענטער פון אונדזערע איך-אינטערעסן, אין דער צייט ווען דער ראַסן-פראָפּאַגאַציע אינסטינקט ליגט אויף יענער זייט פון אונדזער באַוווסטזיין. דער זעלבסט-פרעזערוואַציע אינסטינקט איז פאַרבונדן מיט אונדזער צעשטערבאַרער איך-דערשיינונג, דער ראַסן-פראָפּאַגאַציע אינסטינקט אָבער איז פאַרבונדן מיט דער אייביקער, אומצעשטערבאַרער ראַסן-אידייע. און אונדזער אינדיווידועלער איך איז אונדז נענטער און דערפאַר — פאַרשטענדלעכער. אין דער אמתן אָבער איז דער ראַסן-פראָפּאַגאַציע אינסטינקט שטאַרקער. ביי בינען, איבערהויפּט, קענען מיר עס זען פון אויבן אויף.

* * *

וואָס מער איך באַטראַכט די מענטשלעכע האַנדלונגען און אויפפירונגען, און וואָס מער איך פאַרטיף זיך אין זייער פּסיכאָלאָגיע — לעצטנס האָב איך באַוווסטזיניק און מיט אויפמערקזאַמקייט די האַנדלונגען, אויפפירונגען און רעאַגירונגען פון די אַלע מענטשן מיט וועלכע איך קום אין באַרירונג באַאָבאַכטן אָנגעהויבן — אַלץ מער בין איך געצווּנגען אָנצונעמען אַז אַדלער איז גערעכט, אַז דעם מענטשנס „אינצענטיוו” איז נישט געשלעכט, נאָר עגאָ. ס'איז עגאָ איבער אַלץ, אפילו איבער געשלעכט!

דער ע ג אָ (זעלבסט-פרעזערוואַציע) איז טאַקע נישט מער ווי אַ מיטל צום צוועק — געשלעכט (אין ברייטסטן זין: ראַסן-פראָפּאַגאַציע), נישט מער ווי אַ געצייג ביים מייסטער אין די

הענט, דאָס איז אָבער אַזאַ שטאַרקער מיטל אַז עס איבער־שטייגט און איבערמעכטיגט דעם צוועק.

אַ יונג בחורל האָט געפירט אַ ליבע מיט אַ מיידל און אַז זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פאַרשטיי איך אַז געטריבן צו זעלבסטמאָרד האָט אים נישט זיין אומבאַפרידיקטער געשלעכטס־דראַנג, נאָר זיין פאַרוווּנדעטער און אַנטצונדענער עגאָ. ווען נישט די אַנטצינדונג פונם עגאָ וואָלט ער זיך אַזוי געטראַכט: איך בין פאַרליבט אין אַ מיידל. דער צוועק פון ליבע איז געשלעכטלעכע אויסלעבונג, וואָס אין לעצטן סך־הכל מיינט עס ראַסן־פּראָפּאַגאַציע. מיט דער מיידל קען איך געשלעכטלעך נישט אויסלעבן זיך, נו איז אויב נישט מיט דער איז מיט אַן אַנדערער! און אָנשטאָט צו באַגיין זעלבסטמאָרד וואָלט ער אין אַנדערע מיידלעך פאַראינטערעסירט זיך. און דער צוועק וואָלט געווען דערגרייכט.

אַזוי וואָלט געווען ווען נישט עגאָ, נאָר געשלעכט וואָלט אין אים דאָמינירט.

* *

*

דער עגאָ איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן צוליב זעלבסט־דערהאַלטונג. אַלע מאַניפעסטאַציעס פונם עגאָ איז אַן אויסדרוק פונם זעלבסט־פּרעזערוואַציע אינסטינקט.

הייסט עס, אַז די עובדה פונם עגאָ איז צו העלפן דעם מענטשן אין זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ, צו דערהאַלטן אים, הייסט עס, ביים לעבן.

איז מיט אים אָבער דאָס זעלבע ווי מיט יענעם כעמישן סובסטאַנץ. אַביסל פונם דאָזיקן סובסטאַנץ מאַכט דעם מענטשן

לעבעדיקער, רירעוודיקער, דאָס אַקטיווירט און סטימולירט אים, אָבער אַ סך פון דעם דערהרגעט אים אינגאַנצן!

צוליב געשטייגערטן צגאָ זענען מענטשן אָפט ווייער לעבן גופא מקריב!

ב

האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך. עפּעס ליכטיקער און לע־בעדיקער איז געוואָרן אין מיין וועלט. און זייענדיק גוט־געשטימט האָב איך זיך, אין אַ נאָווינע, צום לייענען אַ נעם־געטון. איבערגעלייענט וואַלדס „ווי צו פּסיכאָאַנאַליזירן דיינע מיט־מענטשן” און באמת הנאה געהאַט. צום ערשטן מאָל מיט דער פּראַקטישער אָנווענדונג פונם פּסיכאָ־אַנאַליז באַקענט זיך.

לייענענדיק וועגן דעם סימבאָליזם פון חלומות, וועגן דעם אַז דער סימבאָל פון אַ פאָטער קען זיין אַ באַרג, אָדער אַ באַלאָן, אָדער אַ וועלכער נישט איז אַלטער מאַן; אַז דער סימבאָל פון אַ מוטער קען זיין אַ טייך, אָדער אַ ים, אָדער אַ וואַסער־פאַל, אָדער אַ רעגן; אַז דער סימבאָל פון קינדער קען זיין דאָקוטשענדיקע חיות, אינזעקטן, אָדער אַנדערע אָנ־שיקענישן; אַז דער מענטשלעכער קערפּער איז אָפט סימבאָ־ליזירט דורך אַ הויז, אַ טעמפּל א. ד. ג.; אַז אַ פענסטער, אַ הייל, אַ גראָבן, אַ פלאַש, אַ וואַזע א. ד. ג. רעפּרעזענטירן אַ פרויס געשלעכטלעכער „אויסשטאַטונג”; אַז דער געוויינלעכער סימבאָל פונם מאַנס אבר איז אַ שלאַנג — לייענענדיק וועגן דעם האָב איך גוטמוטיק געשמייכלט אין זיך: צו וואָס מענטשן קענען קומען דורכן דרייען מיטן גראָבן פינגער! ווי גרינג עס קומט זיי אָן דאָס אויסטייטשן און אַריינטייטשן!

דאַכט זיך געבילדעטע מענטשן די פסיכאָ-אַנאַליטיקער און וואָס פאַר אַן איבערגעשפּיצטע פּלפּוליסטן זיי זענען, וואָס פאַר אַ ישיבה-בחורים בטלנים!

אַ מאָל, אין אַן אויסנאַם-פאַל, קען מען זיך — און זאָל מען זיך — אפשר יאָ באַנוצן מיט דער אויסטייטשונגס-מעטאָדע, פאָראויסגעזעצט אויב אַנדערש קען מען דעם חלום נישט פאַר-שטיין, אויב אַנדערש איז אוממעגלעך צו וויסן זיין באַדייטונג, אָבער אַלס כּלל — — —

פון אויבנאויף גענומען שיינט דער טרוים-סימבאָליזם צו זיין ריכטיק, אויסגעהאַלטן און אָננעמבאַר. אַז דער פסיכאָ-אַנאַליטיקער טייטשט דיר אויס אַ חלום, זעסטו באַשיינפּערלעך, אַז די אויסטייטשונג איז ריכטיק, אַז אַנדערש קען גאָרנישט זיין, אַז דער חלום קען עפּעס אַנדערש נישט מיינען — ס'איז דאָך אַזוי קלאָר און פּשוט! יעדער שטעקן האָט אָבער צוויי עקן. — אויב אויסטייטשן קען איך דעם חלום אויסטייטשן פונקט פאַרקערט, און די-אָ אויסטייטשונג וועט זיין פונקט אַזוי ריכטיק און קלאָר און זעלבסט-פאַרשטענדלעך!

אין זייער אויסטייטשונג פון חלומות זענען זיי שוין באַלד אין אונדזערע חכמים געראָטן, אָט די פסיכאָ-אַנאַליטיקער, ריכטיקער: פּראָווידיאַנער — נאָר אויף דער לינקער זייט.

„שני שדיך כשני עפרים" — זאַפטיקע, תאוהדיקע בריסט, זאָגן אונדזערע חכמים, סימבאָליזירן משהן און אהרנען און אומשולדיקע פענסטער, זאָגן די פּראָווידיאַנער, סימבאָליזירן בריסט פּרואישע...

און לייענענדיק ווייטער, אַלס אילוסטראַציע, אַ פאַל פון אַן עלטער מיידל וועמען עס האָט זיך געחלומט, אַז אַ שלאַנג האָט זיך אַרום איר פוס אַרומגעוויקלט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם חלום, וואָס איך האָב מיט אַ צייט צוריק געהאַט, נעמלעך, אַ שלאַנג איז אין אַ נישט טיפער גרוב געלעגן און דערזעענדיק זי האָב איך געכאַפּט אַ האַק און זי אָנגעהויבן ממיתן. און אָנגעהויבן האָט זי אויף מיר קוקן מיט אַזעלכע

גרויסע מענטשישע אויגן, אַז איך האָב זיך דערפילט אומהיימ־לעך און זי אויפגעהערט צו ממיתן.

זיך דערמאָנט אָן דעם דאָזיקן חלום און ס׳איז מיר פשוט ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דערזען די באַדייטונג זיינע אַזוי קלאָר: די שלאַנג — דאָס איז מיין געשלעכטלעכער אָרגאַן, דער גרוב — מיין געליבטערס. און דאָס וואָס איך האָב דעם שלאַנג געשלאָגן איז דאָס אַ פּנים געווען די אַרבעט פונם „צענזאָר”, וועלכער, ווי די פּראָווידיאַנער זאָגן, זיצט ווי אַ שומר לעבן דער טיר וואָס פירט פונם אומבאַוווסטזיין צום באַוווסט־זיין אַריין און איז משגיח על הכשרות...

און געטראַכט האָב איך: נאָך אַלעמען איז די פּסיכאָ־אַנאַליטישע מעטאָדע פון חלומות־אויסטייטשונג ריכטיק און אמתדיק. מ׳זעט עס טאַקע בחוש. אַט לאָמיך טאַקע נעמען מיין אויבנדערמאָנטן חלום:

האָב פאַרבראַכט מיט מיין געליבטער... מיין באַגער נאָך עראָטישער אויסלעבונג האָט נאָך פאַרווירקלעכונג געבענקט... מיין מאָראַלער סאָציאַל־באַוווסטזיין האָט אים אָבער אונטער־דריקט, דערשטיקט... נו, האָט זיך מיר געחלומט אַ שלאַנג... אין אַ גרוב... — מיין באַגער צו זיין מיט איר... איך שלאָג דער שלאַנג... — מיין מאָראַלער באַוווסטזיין אונטערדריקט די תאווה...

— אַלץ אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך...

האָב איך אָבער אָנגעהויבן טראַכטן צוריק: הבל הבלים — וואָס מיר סימבאָלן פון געשלעכט! אויב דעם אונטער־באַוווסט־זיין אָדער אומבאַוווסטזיין ווילט זיך וועגן געשלעכטלעכן פאַר־קער, אָדער וועגן אַנדערע „זינדיקע” זאַכן חלומען — ווער לאָזט עס אים נישט? דער „צענזאָר”? — קיין צעבראָכענע מטבעה גיב איך נישט פאַר דעם גאַנצן „צענזאָר”! ביזטו אַ צענזאָר איז פאַרוואָס האָסטו, צו אַלדי שוואַרצע יאָרן, דערלאָזן אַזאַ מין „זינדיקן” חלום צו מיין געליבטער ווי זיין מיט מיר צו־זאַמען און האָבן אַ פאַרקער? ווי האָט ער דערלאָזן אַזאַ

נאַקעטן, רעאַלן חלום, איז ער קראַנק געווען צו פאַרסימבאָ-ליזירן אים? אָדער פאַרוואָס האָט ער לאָמעדס אומבאַוווסטזיין געלאָזט חלומען אַזוי שאַרף און רעאַל, ווי אויף דער וואָר, אַז זי האַלט אין האַנט דעם אבר פון אַ בחור, גלעט אים מיט עקסטאַטישער הנאה און האָט מיט אים, דעם בחור, לסוף אַ געשלעכטלעכע באַציונג? ווו זענען זיינע אויגן געווען דאַן? סיידן זאָל זיין אַז ער, דער „צענזאָר”, איז פונם חלום אַזוי באַגייסטערט און פאַרכאַפּט געווען, געווען אַזוי פאַרנומען מיטן קוקן אויף די עראָטישע סצענעס, אַז ער האָט פּשוט פאַרגעסן צו פאַרמאַסקירן אים, דעם חלום...

אויב שוין יאָ אויסטייטשן, אויב שוין יאָ סימבאָלן, קען איך אַ דריי-טון מיטן גראָבן פינגער און זאָגן אַזוי:

אַ שלאַנג באַדייט אַ פאַלשער פריינט, אַ באַטריגער, אַ שוואַרץ-יאָר פון וועמען דו ווילסט פטור ווערן, אַ גרוב באַדייט געזונקענקייט, דעגענעראַציע, פאַרדאָרבנקייט, זינד, טומאה, (אין קדושה ווערט מען דערהויבן, אין טומאה זינקט מען).

און מיין חלום האָט באַדייט אָט-וואָס: איך האָב אַ פאַלשן פריינט, אַ מענטש וואָס ליגט אין דער טומאה און מיין באַגער איז פטור צו ווערן פון אים: אַ שלאַנג אין אַ גרוב... איך וויל זי הרגענען... איי פאַרוואָס האָב איך זי אויפגעהערט צו ממיתן ווען זי האָט אויף מיר מיט גרויסע מענטשישע אויגן אָנגעהויבן קוקן? האָב איך אויך פאַר דעם אַ דערקלערונג: דאָס באַווייזט וואָס פאַר אַ פיינער, פאַרשטענדיקער מענטש איך בין, אַז אפילו מיין אונטערבאַוווסטזיין ווייסט, אַז ווי שלעכט און פאַרדאָרבן און פאַלש אַ מענטש זאָל נישט זיין קען מען צו אים גאָרנישט האָבן, ווייל נאָך אַלעמען איז ער דאָך נישט מער ווי אַ מענטש... אומוויסנד נעבעך, אַ בלינדער שקלאַף ביי די אַפעקטן זיינע...

און דאָס וואָס די שלאַנג האָט אויף מיר מיט מענטשישע אויגן אָנגעהויבן קוקן, מיינט עס אַז איך האָב אויף איר אַזוי אָנגע-הויבן קוקן... ס'איז אַ מעשה מיט פּראָיעקציע...

נו, איך זאָג נישט אַז די אויסטייטשונגס-מעטאָדע פון די פסיכאָ-אַנאַליטיקער איז פאַלש, אַז דער טרוים-סימבאַליזם איז ממשותלאָז, — וואָס איך זאָג איז „געוויין דיין צונג צו זאָגן: איך ווייס נישט". וואָס איך וויל איז, אַז מענטשן זאָלן נישט זיין קיין דאָגמאַטיקער, קיין איינזייטיקע אויסטייטשער.

מילא, ווי עס זאָל נישט זיין, דערווייל האָב איך געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן און דענקען, און דאָס האָט מיך אָפּגעפרישט אַביסל.

* *
*

פרויד האַלט, אַז די אַלע פאָרמען פון אונדזער גייסטיקער קולטור זענען נישט מער און נישט ווייניקער ווי סובלימאַציעס פון פרימיטיווע אינסטינקטן. מיר אָבער גלויבט זיך נישט אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי סובלימאַציע. ס'איז אַ פשוטע זאַך: אַזוי ווי פון אַ הונטס זריעה, למשל, קען נישט אַרויסוואַקסן קיין מענטש, אַזוי קען פון אונטערדריקטער סעקסואַליטעט נישט אַרויסוואַקסן אַזעלכע „זאַכן" ווי קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט און די איבעריקע פאָרמען פון אונדזער גייסטיקער קולטור.

אַ זאַך האָט אין זיך נישט מער ווי דאָס וואָס עס אַנטהאַלט אין זיך. אמת, מ'קאָן אַ זאַך אַנטוויקלען און לייטערן. קיין נייע זאַך וועט אָבער פון דעם נישט אַרויסקומען. ס'איז דאָס זעלבע ווי מיט דער מענטשלעכער זריעה: קיין אַנדער באַשעפעניש ווי אַ מענטש קען זיך פון דעם נישט אַרויסאַנטוויקלען, ווייל פשוט: די זריעה אַנטהאַלט אין זיך, פּאָטענציעל, דעם גאַנצן צוקונפטיקן מענטשן און נישט קיין אַנדערע זאַך.

און איך גיי נאָך ווייטער און זאָג: נישט נאָר קענען געפילן און פאַרלאַנגען נישט סובלימירט ווערן, נאָר אויך נישט ווערן דערדריקט און אין אונטערבאַוווסטזיין באַגראָבן, וואָס זיי

קענען יאָ ווערן איז פאַרבלאַסט אַזוי צו זאָגן. ס'איז אַזוי ווי ווען מען צינדט אָן אַן עלעקטרישן לאָמפּ ווערט דאָס ברענענדיקע ליכטל דערביי פאַרבלאַסט, כאָטש אין דער ווירקלעכקייט ברענט זי און לייכט פונקט ווי פריער. וואָס אַ מענטש קען יאָ טון — און טוט טאַקע! — איז בלויז קאָמפּענסירן זיך. נישט סובלימירן, נאָר פאַרבייטן איין „זאַך" אויף אַן אַנדערער.

און אפשר איז פרויד גערעכט, נאָר איך ווייס נישט וואָס סובלימאַציע מיינט? אפשר מיט סובלימאַציע מיינט פרויד ענערגיע־טראַנספאָרמאַציע, וואָס דאָס איז יאָ מעגלעך?

און ווידער, אַ דימענט און אַ קויל זענען אויסערלעך טאַקע צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן, אין תּוך אָבער איז דאָס איין און די זעלבע זאַך. און מיט סובלימאַציע מיינט ער די פאַרוואַנדלונג פון קוילן־שטאָף אין דימענטן?

* *
*

אַדלער איז מײַן פּסיכאָלאָג.

זײַן אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע איז פרײַ פון מיסטיציזם און מעטאַפיזישקייט. זי איז שכל־הישרדיק, קלאָר, פּשוט און, איבערהויפּט אָנווענדבאַר.

אמת, פרוידס פּסיכאָאַנאַליז איז אמתער, טיפער, שורש־דיקער און אַרומפאַסנדיקער, — ער איז אָבער פול מיט נישט־נויטיקע — און אָפטמאָל פאַלשע — אויסטײַטשענישן, פול מיט מיסטיציזם און מעטאַפיזישקייט (כאָטש זײַן קוק איז אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער: סיבה און ווירקונג!) וואָס איך וויל אָבער איז נישט אַ מעטאַפיזישע פּסיכאָלאָגיע, נאָר אַ רעאַל־קאָנקרעטע, אַן אָנווענדבאַרע, אַ מענטשלעכע! אַ פּסיכאָלאָגיע וואָס זאָל זײַן פאַרבונדן מער מיט סאָציאָלאָגיע און פּעדאַגאָגיק, ווי מיט פילאָזאָפיע. און דאָס איז אַדלערס אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגיע.

פונדעסטוועגן בין איך נישט אַ בלינדער חסיד אַדלערס. האָב אַ סך וואָס אויסצוזעצן געגן אים. איבערהויפּט געפעלט מיר נישט זײַן אײנזײַטיקייט, זײַן דאָגמאַטישקייט, זײַן אַרײַנקוועטשן די גאַנצע מענטשלעכע פערזענלעכקייט אין דעם ענגן פאָרם פון מינדערווערטיקייט.

איך בין טאַקע נישט קיין גרויסער למדן אין דער פּסי־כאָלאָגישער וויסנשאַפט, (אויב מען קען בכלל באַטראַכטן פּסי־כאָלאָגיע אַלס אַ וויסנשאַפט, לויט מײַן מיינונג איז פּסיכאָלאָגיע

ביכער פאַרוואַנדעט מיט קונסט ווי מיט וויסנשאַפט) איך פיל האָב ד אַז דאָס מענטשלעכע נשמה-לעבן איז נישט אַזוי פשוט ווי מען קען דענקען ווען מען באַקענט זיך מיט אַדלערן. עס איז אַ סך טיפער און קאָמפּליצירטער, און מען קען עס נישט אַריינקוועטשן אין אַ סדום-בעטל-פאָרמולע.

אַדלער איז טאַקע מיין פסיכאָלאָג. איך מוז אים אָבער נישט גלויבן אין אַלץ וואָס ער זאָגט. אָט, למשל, האַלט ער אַז די טרייב-קראַפט פונם מענטשנס ווילן צו זיין פון אויבן, פון זיין סופּעריאָריטעט-זוכעניש איז דער שפּלות-געפיל. דער מענטש, הייסט עס, זוכט זיך צו קאָמפּענסירן. נו, דאָס איז אַ גאַנץ גלאַטע דערקלערונג, וואָס לייגט זיך אָן שווערקייט אויפן שכל, עס קען דאָך אָבער זיין אַז דאָס איז גאָרנישט אַזוי פשוט. עס קען זיין אַז דאָס, וואָס עס טרייבט דעם מענטשן צו זוכן סופּעריאָריטעט, צו וועלן זיין פון אויבן איז גאָרנישט מינדערוועטיקייט, נאָר דער אוניווערסאַלער עוואָלוציע-דראַנג — ביטשעס „ווילן צו מאַכט"?

* *
*

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך מיט פישל שניאור־סאָנס מענטש-וויסנשאַפט באַקענט, בין איך געווען גענייגט צו גלויבן אַז זיין פסיכאָלאָגיע איז די פּסיכאָלאָגיע, די איינ-ציקע פסיכאָלאָגישע שיטה, וואָס איז נישט דאָגמאַטיש און איינזייטיק, וואָס זוכט צו שטודירן דעם מענטשן אוממיטלבאַר, אין זיין גאַנצער פיל-געשטאַלטיקייט. איצטער אָבער אַז איך האָב זיך אַ קאַפּיטשקע באַקענט מיט פסיכאָאַנאַליז בכלל און מיט אַדלערס אינדיווידועלע פסיכאָלאָגיע בפרט, זע איך איין אַז אויך ער, שניאורסאָן, איז, ווי אַדלער, איינזייטיק און נישט טיף גענוג. דער אונטערשיד צווישן אים און אַדלערן באַשטייט בלויז אין דעם: אַדלער האַלט אַז דעם מענטשנס נעוורעטיש-קייט נעמט זיך פון אַ פאַלשן, אָדער טעותדיקן, לעבנס-פּלאַן,

וואָס אַנטשטייט פון נישט-ריכטיקער באַטראַכטונג און אויסטייטשונג פון דערפאַרונגען-פאַקטן; אַז דער שפלות-געפיל איז די איינציקע טרייב-קראַפט צו סופעריאָריטעט-זוכעניש. ווען דער מענטש זאָל זיך נישט פילן מינדערווערטיק וואָלט ער נישט געזוכט קיין סופעריאָריטעט! און שניאורסאָן האַלט, אַז דעם מענטשנס נעוורטאָטישקייט נעמט זיך פון איינגעקלעמטן ספעריש-אינטימען לעבנס-דראַנג, אַז דער נעווראָז איז פשוט אַ מין פסיכישער סקארבוט. אין קורצן, הייסט עס, נאָך אַדלערן איז נישט-ריכטיק קאָמפּענסירטע אינפעריאָריטעט די אורזאַך פון מענטשנס נעוורטאָטישקייט און לויט שניאורסאָנען — נישט אויסגעלעבטע ספעריש-אינטימישקייט. אין תוך אָבער זענען זיי ביידע די זעלבע. ביידע האַלטן אַז די מענטשלעכע פערזענלעכקייט איז אַ דינאַמישע איינסהייט און אַז דער מענטש האָט אַ ציל און אַ צוועק צו וועלכן ער שטרעבט; אַז דעם מענטשנס געגנוועטיקער לעבן איז נישט בלויז אַ פראָדוקט פון זיינע פאַרגאַנגענהייט-דערפאַרונגען, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, פון זיינע צוקונפט-וויזיעס. ס׳הייסט, דער מענטש ווערט געטריבן נישט בלויז פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ער ווערט אויך געצייגן פון דער צוקונפט. נישט מער: אַדלער פאַרשטייט אונטער „צוקונפט״ דעם ציל פון סופעריאָריטעט וואָס דער מענטש וויל דערגרייכן אַלס קאָמפּענסאַציע פאַר דעם שפלות-געפיל זיינעם און שניאורסאָן פאַרשטייט אונטער „צוקונפט״ דאָס ספעריש-אינטים, ספעציפיש מענטשלעך לעבן — וואָס דאָס איז אייגנטלעך דאָס אמתע לעבן פונם מענטשן — וואָס דער מענטש שטרעבט צו רעאַליזירן. אין קורצן: דער מיט זיין „מינדערווערטיקייט״ און דער מיט זיין „פסיכישן סקארבוט״. אַדלער האַלט פונם פסוק „במקום שאין איש איז הערינג אויך פיש״ און שניאורסאָן — פונם פסוק „אַז מען קען נישט אַריבער מוז מען אַרונטער״ וואָס אין תוך איז עס כמעט דאָס זעלבע.

* *
*

וואָס שפּינאָזאַ און בערגסאָן זענען אין דער פילאָזאָפיע דאָס זענען פרויד און אַדלער אין דער פּסיכאָלאָגיע.

בערגסאָן איז מיין פילאָזאָף און אַדלער מיין פּסיכאָלאָג. און דאָס איז ווייל ביידע קוקן אויפן מענטשן מיט מענטשלעכע אויגן. זיי האָבן באַפרייט דעם מענטשן פון אורזאַכליכקייט, פון דער מעכאַניסטישער וועלט. דער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך און פאָלגליך איז ער פ ר י י. פריי — ווייל ביים מענטשן איז דער עיקר כּ ו נ ה און נישט אָביעקטיווע פאַקטן. לא המעשה עיקר אלא המדרש זאָגט אַדלער. נישט די פאַקטן זעלבסט באַשטימען אונדזערע האַנדלונגען, די ריכטונגען אין וועלכע מיר פאַרנעמען זיך, נאָר אונדזערע אויפפאַסונגען פון זיי און ווייל אַזוי זענען מיר נישט מעכאַניסטיש-דעטערמינירט, זענען מיר נישט האָפנונגסלאָז. די פאַקטן קענען מיר טאַקע נישט ענדערן מיר קענען אָבער ענדערן אונדזערע אויפפאַסונגען פון זיי, אונדזערע באַציונגען צו זיי.

טיף אין זיך אָבער פיל איך אַז נישט בערגסאָן און אַדלער זענען גערעכט, — כאָטש ביז אַ געוויסן גראַד יאָ, — נאָר שפּינאָזא און פרויד. דער מענטש אין מיר ראַנגלט זיך קעגן זיי, אָבער דער וויסנשאַפטלער אין מיר נעמט זיי אָן.

דער מענטש איז נ י ש ט אַ וועלט פאַר זיך, נאָר ווי

אַלע זאַכן אויף דער וועלט – אַ טייל פון דער נאַטור און פאַלגליך איז אויך ער אונטערגעוואָרפן דעם געזעץ פון אורזאַך און ווירקונג.

און ווידער, ער, דער מענטש, איז אַ פראָדוקט פון ירושה און סביבה. די ירושה, (וואָס עפּעס נאָר ביאָלאָגיע? און וואָס איז מכּוח ענדאָקרינאָלאָגיע, נעוואָלאָגיע א. אַ. וו. אין קורצן: פיזיאָלאָגיע?) די ירושה, אָדער ווי דער פּסיכאָאַנאַליטיקער וואָלט געזאָגט: דער אונטער און אומבאַוווּסטזיין, דריקט אים פון אינווייניק און די סביבה – פון דרויסן, אַזוי אַז ער איז נישט פריי, נאָר דעטערמינירט.

און מעג אפילו אמת זיין לאַמאַרקס באַהויפּטונג, אַז חיות ווייכן אָפּ פון נידריקע און פרימיטיווע טיפּן דורך דעם כּוח פון באַגער, פון ווילן; און מעג אפילו אמת זיין דאָס וואָס האַרטמאַן זאָגט, אַז פויגלען פליען נישט ווייל זיי האָבן פליגלען, נאָר זיי האָבן פליגלען ווייל זיי האָבן געוואָלט פליען – וואָס דאָס מיינט אַז דער עיקר איז דער אינערלעכער ווילן – ענדערט עס אָבער אויף אַ האָר נישט דעם פאַקט אַז דער מענטש, ווי אַלץ וואָס אויף דער וועלט, איז שטרענג דעטער-מינירט. ווייל – און דאָס איז שוין אַן אַלטע מעשה – די פראַגע איז נישט צי דער מענטש איז פריי צו טון, אָדער ווערן, וואָס ער וויל, נאָר צי קען ער ווען ווי ער וויל?! אַ מאָל קען ער טאַקע יאָ טון וואָס ער וויל – דאָס איז נאָך אויך אַ טרייסט! – ער קען אָבער בשום-אופן נישט באַשטימען זיין ווילן, און דאָס איז ווייל נישט ער, נישט זיין באַוווּסטזיין איז דער באַלעבאָס איבערן ווילן, נאָר זיין אונטער אָדער אומ-באַוווּסטזיין! ס'איז נישט איך וויל, נאָר עס ווילט זיך און דער איך איז נישט קיין באַלעבאָס איבערן עס.

פאַרשטייט זיך, אַז אַלס מענטש קען איך נישט לעבן לויט דעם דאָזיקן קוק. מוז רעבעלירן קעגן מעכאַניזם און אַב-סאָלוטן דעטערמיניזם, ווייל זאָל איך עס אָננעמען מוז איך אין פּעסימיזם און יאוש אַריינפאַלן – און דאָס וויל איך נישט!

(וואָס פאַר אַן אומעט איז אין מיר אויפגעגאַנגען ווען כ'האָב פרוידס „דאָס אונבעהאַגען אין דער קולטור" געענדיקט לייענען!)

שוין דאָס אַליין וואָס טיף אין זיך אַנערקען איך אַז געדעכט — אין טיפן זין, פאַרשטייט זיך — זענען נישט בערג־סאָן און אַדלער, נאָר שפּינאָזאַ און פרויד — שוין דאָס אַליין איז גענוג פאַר מיר! פאַרמאַך איך אַביסל די אויגן, בין זיך מצמצם — אויך גאָט האָט זיך געמוזט מצמצם זיין ווען ער האָט געוואָלט אַ וועלט באַשאַפן! — און זאָג:

בערגסאָן איז מיין פילאָזאָף און אַדלער מיין פסיכאָלאָג

ג

„איך דענק, ממילא בין איך" – אַ מענטש.

אויפרעגן זיך, ווערן ברויזנדיק און אימפּעטיק קען אַ חיה אויך. און ווען איך ווער אויפגערעגט און געפילן הויבן־אָן ברויזן און שטורעמען אין מיר, הייסט עס נאָך נישט, אַז איך בין אַ מענטש, אַ מענטש ווער איך ערשט דאַן ווען איך הויב אָן דענקען.

איבערלייענענדיק אַן אַרטיקל וועגן אָטאָ ראַנק האָב איך זיך פאַרטראַכט און אַלס רעזולטאַט – די פאָלגנדיקע געדאַנקען, אָדער „טעאָריע":

אין „אָנהויב" איז אונדזער אוניווערז געווען אין אַ צושטאַנד פון נירוואַנאַ, אַזוי צו זאָגן. ער איז געווען אַן עפּעסדיקער גאָרנישט וואָס איז געווען פאַרשלונגען אין זיך אַליין.

אינם משך פון אומציילִיקע יאָרן האָט ער זיך קאָנצענטרירט, אָנגענומען באַשטימטע פאָרמען און די „טויטע", די אומאָרגאַנישע וועלט איז געבוירן געוואָרן.

איצטער קומען מיר צו אונדזער ערד.

מיליאָנען יאָרן איז די ערד געווען „טויט", סטאַטיש, אינערט (אינם זין פון לעבן). שפּעטער אַז זי האָט זיך אָפּגעקילט און קאָנצענטרירט איז לעבן געבוירן געוואָרן אויף איר.

ווי אַזוי פון „טויט" האָט לעבן געקאָנט געבוירן ווערן איז נישט באַוווּסט. מסתּם איז אַ געוויסער פּלאַץ — אָדער פּלעצער — אויף דער ערד געווען דאַן אין אַן אומגעוויינטלעכן צושטאַנד, וואָס איז אונדז היינט נישט באַוווּסט, ווייל די זון האָט דאַן אַנדערש געשיינט און די ערד אַליין האָט אַנדערש אויסגעזען, סיי פיזיקאַליש און סיי כעמיש. און אין אַ געוויסן גינסטיקן מאָמענט און סיטואַציע איז פון דער פאַרבינדונג פון געוויסע עלעמענטן לעבן געבוירן געוואָרן.

עס קען זיין אַז דאָס לעבן איז די גאַנצע צייט אין דער „טויטער" וועלט געלעגן און זיך געריסן צו אַנטפּלעקונג, אָבער נישט געהאַט די מעגלעכקייט. ס'איז ווי מיט דאָס לעבן אין אַ הינערשע איי למשל. אינם איי ליגט פּאָטענציעלער לעבן פאַרבאָרגן און רייסט זיך צו אַנטפּלעקונג, איז כּל-זמן דאָס איי האָט נישט די נויטיקע ספּעציפישע וואַרעמקייט מוז עס בלייבן נישט אַנטפּלעקט, קוים אָבער קריגט זי עס, אַזוי רייסט זיך דאָס לעבן אַרויס פון דער תּפיסה, ווערט אַנטפּלעקט און הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען.

הייסט עס אַז די לעבעדיקע, די אָרגאַנישע וועלט שטאַמט פון דער „טויטער", דער אומאָרגאַנישער, און זי טראָגט אין זיך איר ירושה. און נישט נאָר די ירושה פון דער „טויטער" וועלט, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, די פון דער נירוואַנאַ, פון דער אין זיך פאַרשלונגענדיקער אייביקייט פון וועלכע די „טויטע" וועלט האָט זיך אַרויסאַנטוויקלט. (קיין זאַך ווערט נישט פאַרלוירן!)

און אויב אפילו די לעבעדיקע וועלט איז נישט געבוירן פון דער „טויטער", לעבט זי אָבער פון איר. ווייל אין לעצטן סך-הכּל לעבן דאָך די בעלי-חיים פון צמחים און די צמחים

אַליין לעבן דאָך פון געוויסע כעמישע עלעמענטן וואָס זיי זענען דאָך נישט פון דער לעבעדיקער וועלט! הייסט עס, אַז דער קוואַל פון וואַנען דאָס לעבן שעפּט זיין יניקה איז דער „טויט״ און ממילא טראָגט ער אים אין זיך.

איצט איז אַזוי: דער „טויט״ איז נישט אין ערך עלטער פונם לעבן. די „טויטע״ וועלט איז אַלט אומצייליקע יאָרן, און די לעבעדיקע איז דאָך ערשט נישט לאַנג, ערשט אַז די ערד האָט זיך אָפּגעקילט, געבוירן געוואָרן, און ווייל אומגעהויער עלטער איז זי פונדאַמענטאַלער, שווערער און דערפאַר — אַנט־שיידנדיקער.

ווייטער: די טענדענץ — אָדער זאָל איך זאָגן דאָס געזעץ? — מילא, וואָס פאַר אַ וואָרט איך זאָל נישט באַנוצן — וואָס איך מיין איז: די עצם נאַטור, דער אינוויינעקסטער כאַ־ראַקטער פון „טויט״ איז פאַרשלונגענקייט אין זיך, אינערציע, סטאַטישקייט, דאָס בלייבן אויפן זעלבן פּלאַץ (נאָך אַ מאָל: אינם זין פון לעבן. ווייל אויך די „טויטע״ וועלט באַוועגט זיך שטענדיק — די עלעקטראָנען אינם אַטאָם! — וואָס איך מיין אָבער מיט „דאָס בלייבן אויפן זעלבן פּלאַץ״ איז אָט וואָס: דער שטיין מעג זיך באַוועגן אייביק, שטענדיק וועט ער אָבער בלייבן דער זעלבער שטיין, דאָס אייעלע אָבער אַנטוויקלט זיך, פאַרענדערט זיך!) און די טענדענץ פון לעבן איז אַנט־וויקלונג, פאַרענדערונג. (ווען נישט די דאָזיקע טענדענץ, דער אַנטוויקלונגס־דראַנג, וואָס האַלט אים אין איין שטופּן, וואָלט ער דאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעקראָכן פונם „טויט״!

איצטער, דאָס לעבן איז, רעלאַטיוו, זייער יונג, און ער קען נאָך נישט שטיין אויף די אייגענע פיס, כאָטש ער וויל עס זייער שטאַרק, ציט עס אים צוריק צו דער מאַמען, בענקט ער נאָך דעם צושטאַנד ווען ער איז געווען פאַרשלונגען אין איר.

אגב — כאָטש רייסן רייסט ער זיך פאָראויס — טראָגט ער דאָך אין זיך די גרויסע און אַלטע ירושה פון דער נירוואַנאַ.

פון דער אייביקייט דער טונקעלער, און אָט די דאָזיקע ירושה ציט אים אַרונטער צו זיך. אַזוי ווי די אַלטע ירושה פון דער חיה וואָס אין מענטשן ציט אים, דעם מענטשן, אַרונטער. זעען מיר דאָך טאַקע אַז וואָס עפּעס ווערט דער מענטש אַ חיה — גאָלע אינסטינקטן!

איצטער ווען מיר טאַקע אָנהויבן רעדן קאָנקרעט. מירן זיך פאַרנעמען מיטן אויסגעווײלטן, כאַראַקטעריסטישן טרעגער פונם לעבן — דעם מענטש. (דער מענטש איז, דערווייל, דער אויסדערוויילטער טרעגער פונם לעבן, ווייל אין אים איז די אַנטוויקלונגס-טענדענץ מער ווי אין אַלע לעבעדיקע ברואים קאָנצענטרירט און אַנטוויקלט!)

די נירוואַנאַ איז אַלט און שווער, דאָס לעבן — יונג און גרינג, ציט דעם מענטשן צו נירוואַנאַ. ער קען נישט טראָגן און דערטראָגן דעם לעבן, ווייל ער איז נישט צוגעווינט צו אים. ס'איז אַ נייע זאַך פאַר אים. איידער ער ווערט געבוירן איז ער דאָך פאַרשלונגען אין דער נירוואַנאַ, אין דער אייביקייט, און דאָ מיטאַמאָל קום אַרויס פון דער פאַרשלינגעניש! (שווער אָפּצעברעכן אַן אַלטע געוווינהייט!) בענקט ער טאַקע נאָך פאַרשלינגעניש.

די נאַטור וויל דאָך אָבער אַז דער מענטש זאָל לעבן און קענען טראָגן אים און ער זאָל זיך אַנטוויקלען, וואָס-זשע האָט זי געטון? האָט זי אין אים אַריינגעגעבן אַ דראַנג צו אַקטיוויטעט. און מיט דעם געשאָסן צוויי האָזן מיט איין מאָל. ס'איז אַזוי: אָפּברעכן אַן אַלטע געוווינהייט מיט איין מאָל איז אוממעגלעך, עס מוז פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע, מען מוז עס אָפּברעכן פּאַוואָלינקע און אין דערזעלבער צייט אַריינפלאַנצן אַ נייע.

איז עס טאַקע אַזוי: אַקטיוויטעט באַפרידיקט אַביסל דאָס בענקעניש נאָך נירוואַנאַ, ווייל דאָס פאַרשלינגט מער-ווייניקער דאָס לעבן און אין דערזעלבער צייט העלפט דאָס דער אַנט-וויקלונגס-טענדענץ פונם לעבן. דאָס לאָזט דעם מענטשן נישט

פאַרגליווערט ווערן. זעען מיר טאַקע: אַ קינד איז נאָר וואָס פון נירוואַנאַ אַרויס. נישט האָבנדיק אָבער קיין אַקטיוויטעטן און אינטערעסן וואָס זאָלן אים פאַרשלינגען האַלט עס אין איין שלאָפן, — אַ גוטער במקום פאַר דער נירוואַנאַ! פאַרלירט ער דעם כמעט שטענדיקן שלאָף — וואָס בלייבט אים דאַן צו טון? זיין לעבן מוז מער-ווייניקער פאַרשלינגען ווערן, ער איז נישט לאַנג פון דער פאַרשלינגעניש-לאַנד אַרויס און ער בענקט נאָך אים, ער וויל זיך אומקערן אין נאַטורס רעזערוואַר! — אַנטוויקלט זיך אין אים אַ דראַנג צו שפילן זיך. האַלט ער טאַקע אין איין שפילן זיך, פריער מיט זיך אַליין — אויטאָ-עראָטיזם — און מיט שפילצייג און שפּעטער — מיט חברים, און דאָס ראַטעוועט אים. דאָס איז שוין טאַקע נישט אַזאַ גוטער במקום פאַר דער נירוואַנאַ אָבער נאָך אַלץ אַ נישט-קשהדיקער. וואַקסט ער אויס און פאַרלירט זיין קינדערשן שפיל-דראַנג, אַנטוויקלען זיך אין אים אַנדערע דראַנגען. פאַרנעמט ער זיך מיט אַנדערע אַקטיוויטעטן, פיזישע, עמאָציאָנעלע און גייסטיקע. און די אַלע אַקטיוויטעטן העלפן נישט נאָר צו אַנטוויקלען דאָס לעבן, נאָר אויך, און הויפּטזעכלעך, צו פאַרגרינגערן זיין לאַסט, ווייל דאָס פאַרשלינגט אים מער-ווייניקער און פאָלגליך ווערט זיין בענקשאַפט נאָך דער נירוואַנאַ פאַרלייכטערט.

איצטער, אַזוי ווי דער קערפּער איז קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו נישט דער זעלבער ביי אַלעמען, אַזוי אויך דאָס לעבן.

וואָס קלענער און אָרעמער עס איז דאָס לעבן — אַלץ גרינגער קען ער פאַרשלונגען ווערן, ער איז קליין און שוואַך און זיין אַנטוויקלונגס-טענדענץ איז נישט שטאַרק גענוג אַזוי אַז ער איז מער-ווייניקער סטאַטיש, קאָנסערוואַטיוו, וואָס גרעסער און רייכער אָבער — אַלץ שווערער קומט אָן זיין פאַרשלינגונג.

זעען מיר דאָך: שוין דער עקאָנאָמישער לעבן אַליין פאַרשלינגט כמעט אינגאַנצן דאָס לעבן פונם געוויינטלעכן

מענטשן. און אַז דערצו קומט נאָך דאָס פאַמיליען-לעבן, געזעלשאַפט און שטיקלעך זייטיקע אַקטיוויטעטן איז שוין זיין לעבן כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשלונגען און ס'איז אים שוין גרינגער צו טראָגן.

דער מענטש אָבער מיט אַ גרויסן און רייכן לעבן, מיט אַ שטאַרקער אַנטוויקלונגס-טענדענץ — זיין לעבן קען שוין אַזוי גרינג נישט פאַרשלינגען ווערן פונם עקאָנאָמישן לעבן און טאָג-טעגלעכע אַקטיוויטעטן, ער מוז שוין האָבן שטאַרקערע אַקטיוויטעטן, גרעסערע און העכערע אינטערעסן, פאַרנעמט ער זיך מיט קונסט, פילאָזאָפיע, וויסנשאַפט א. ד. ג. (אויף שווערע און שטאַרקערע פעסטונגען מוז מען גרעסערע און שווערע קאַנאָנען באַנוצן!)

און פון דעם טאַקע די גרויסע באַדייטונג, ווערט און ווירקונג פון קונסט. קונסט — פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט זענען דאָך אין לעצטן סך-הכל אויך קונסט! — קונסט איז די גרויסע גאולה פון לעבן, דאָס איז דער בעסטער במקום פאַר דער נירוואַנאַ. דאָס בעסטע פאַרשלינגונגס-מיטל.

(פאַרוואָס פאַרנעמט זיך דער מענטש מיט אַזעלכע אַקטיוויטעטן און יענער מיט אַנדערע? דאָס האָט שוין צו טון מיט קאָנסטיטוציע, עלטער, דערציונג, בילדונג, אומגעבונג, לעבנסבאַדינגונגען א. ד. ג. דער כלל אָבער איז: אַלע אַקטיוויטעטן און אינטערעסן, פון דאָס שפיל פון קינדער ביז פילאָזאָפיע, דינען איין און דעמזעלבן צוועק: זיי פאַרשלינגען מער-ווייניקער דאָס לעבן און אַזוי אַרום פאַרגרינגערן אונדז זיין משא אַזוי אַז מיר זענען ביכולת צו טראָגן און דערטראָגן אים)

איצטער וועלן מיר זען ווי די דאָזיקע טעאָריע „אַרבעט":

1) קינדער האַלטן זיך אין איין שפילן. דאָס איז זייער לעבן.

2) אַ בחור האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל און אַז זי האָט אים לסוף פאַרלאָזן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

3) אַ סוחר האָט פאַרלוירן זיין געשעפט און זיך גענומען דאָס לעבן.

4) אַ מאַן האָט דערלאַנגט זיין ווייב מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ און דערזעענדיק זי ליגן איינגעטונקט אין בלוט האָט ער זיך דערשאָסן.

5) אַ מענטש וואַרט אויף זיין הינריכטונג, אָבער מורא האָבנדיק פאַר איר באַגייט ער, ווען ער קריגט נאָר די מעגלעכקייט, זעלבסטמאָרד.

6) דאָס לעבן האָט פאַר אים פאַרלוירן יעדן רייץ און ער האָט נישט איין מאָל געטראַכט וועגן באַגיין זעלבסטמאָרד און אַז ס'פּאַסירט מען פירט אים צום טויט דערוועקט זיך אין אים אַ געוואַלדיקער דראַנג צו לעבן.

7) אַ מענטש איז זיך מקריב על קידוש השם.

8) אַ מענטש זיצט ביי אַ מאַשין, די הענט אַרבעטן און דער מוח איז פול מיט וואַך-טרוימען.

9) אַ מענטש פאַרברענגט שבת און זונטיק אויף בעלער, קאָנצערטן א. ד. ג. און אַז עס קומט מאָנטיק אין דער פרי שטייט ער אויף מיט אַ „קאַצן-יאָמער" און אַ גאַנצן טאָג פילט ער שווער און דערדריקט.

10) מענטשן קענען נישט זיין אַליין, זיי מוזן האָבן געזעלשאַפט.

11) מענטשן זענען געוויינלעך אינטראווערטן (יעדעס קינד איז דאָך אַן אינטראווערט!)

12) דער מענטש זוכט אַ זין אין לעבן, אַ צוועק, אַ תכלית, און דאָס מאַכט אים אומרויק און אומצופרידן מיט אַלץ.

— וואָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַלעם? לויט „מיין" טעאָריע איז דאָ א י ין ענטפער אויף דעם, נעמליך: די בענקשאַפט נאָך פאַרשלינגעניש, נאָך דעם פאַרלוירענעם גן-עדן. און דערקלערן דערקלער איך עס אַזוי:

1) דאָס קינד האָט נישט די אַקטיוויטעטן און אינטערעסן פון די דערוואַקסענע וואָס זאָלן אים פאַרשלינגען. ער איז דאָך אָבער נישט לאַנג פון דער נירוואַנאַ אַרויס און זיין

בענקשאַפט נאָך איר איז נאָך שטאַרק און פריש, האָט ער דעם שטאַרקן שפּיל-דראַנג. דאָס שטענדיקע שפּילן זיך פאַרשלינגט אים כמעט אינגאַנצן.

2) דער בחור האָט זיך פאַרליבט און די ליבעניש האָט אים כמעט אינגאַנצן פאַרשלונגען. אַז זי איז פאַרשוווּנדן איז זיין לעבן געבליבן נישט פאַרשלונגען, און היות די טאָג-טעגלעכע אַקטיוויטעטן זענען אין פאַרגלייך מיט דער ליבעניש כמעט ווי לגמרי נוצלאָז אַלס פאַרשלינגונגס-מיטלען, באַגייט ער זעלבסט-מאָרד, וואָס דאָס איז די בעסטע פאַרשלינגעניש.

3) אויך דאָס זעלבע. ביים סוחר איז געשעפט געווען דער שטאַרקסטער פאַרשלינגונגס-מיטל און אַז ער האָט אים פאַרלוירן אין אַנדערע אַזעלכע שטאַרקע אַקטיוויטעטן וואָס זאָלן אים אַזוי פאַרשלינגען האָט ער נישט געהאַט, איז ער מער נישט געווען בכוח צו טראָגן דעם נישט-פאַרשלונגענעם לעבן און געזוכט פאַרשלינגעניש און טויט, אין אָריגינאַל. (זאָל דאָ געזאָגט ווערן: אַז דער אַרבעטער קריגט שכירות, מעגן זיי זיין ווי קליין, וועט ער, על פּי הדחק, זיך האַלטן ביי דער אַרבעט, הערט ער אָבער אויף צו קריגן שכירות אַזוי רעבעלירט ער און פאַרלאָזט זי, דער אַרבעט!)

4) מורא, ווי אויך זאָרג, ערגערניש, פאַרצווייפלונג, א. ד. ג. פּאַראַליזירט דעם שווונג פונם לעבן. און קען זיך דאָס לעבן נישט רייסן פאָרויס, האָט ער קיין כוח נישט צו הויבן זיך, פאַלט ער אַרונטער. שטאַרקט זיך דאַן די „טויט"-טענדענץ.

אַז ער האָט זי דערזען ליגנדיק אין בלוט האָט אַ שטאַרקער שוידער- אָדער מורא-געפיל ווי אַ שווערער וואָלקן אויף זיין גאַנצער פערזענלעכקייט זיך אַרויפגעלייגט און פאַרבלאָקירט זי, אַזוי אַז ער איז מיטאַמאָל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אַלע אַקטיוויטעטן. ווייל זיין אַקטיוו מיינט נישט בלויז אַרבעטן מיט די הענט, אַקטיוויטעט פאָדערט פערזענלעכע באַציינג. אַזוי ווי אָבער זיין פערזענלעכקייט איז פאַרבלאָקירט קען ער צו קיין שום זאַך קיין פערזענלעכע באַציונג נישט האָבן. און בלייבנדיק

פלוצלינג שטיין פנים אל פנים מיט נישט פאַרשלונגענעם לעבן אַנטלויפט ער צום מקור פון וואַנען ער שטאַמט – אייביקייט, נירוואַנאַ. ער טוט, הייסט עס ווי יענער בחור האָט געטון: אַז ער האָט נישט געהאַט קיין געליבטע מיט וועמען צו פאַר־ברענגען איז ער געגאַנגען צו אַ פּראָסטיטוטקע...

5) די מורא וואָס די פאַרקומענדיקע הינריכטונג וואַרפט אויף אים אַרויף איז צו שטאַרק, אַזוי אַז זי פאַרבלאָקירט זיין גאַנצע פערזענלעכקייט, בלייבט זיין לעבן נישט פאַרשלונגען. די שטאַרקע מורא דערשטיקט זיין האָפנונג – און האָפנונג איז דאָך די בעסטע פאַרשלינגעניש! – און פאַראַליזירט זיין פער־זענלעכקייט קען אים קיין זאַך נישט פאַרשלינגען, זוכט ער פאַרשלינגעניש אין טויט.

6) זיין לעבן איז נישט געווען פאַרשלונגען האָט ער געבענקט נאָכן טויט – קאָמפּלעטע פאַרשלינגעניש. אַז ער האָט אָבער געקריגען אַ שטאַרקע שפּאַנונג האָט עס געשטילט זיין בענקשאַפט נאָך פאַרשלינגעניש, ווייל דאָס האָט אים פאַרשלונ־גען מער־ווייניקער. און אַז די „טויט"־טענדענץ איז מחמת דעם שוואַכער געוואָרן, האָט זיך דער לעבנס־דראַנג, די לעבנס־טענדענץ פאַרשטאַרקט.

7) זיין רעליגיעזע אויסלעבעניש איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אים, דאָס איז זיין גרעסטער פאַרשלינגונגס־מיטל און אַז מען וויל עס ביי אים צונעמען, פילט ער, אַז אָן דעם וועט זיין לעבן בלייבן נישט פאַרשלונגען און פאָלגליך וועט ער אים נישט קענען פאַרטראָגן, לאָזט ער זיך איינגאַנצן פאַר־שלינגען.

8) ווען ער האָט נישט קיין פערזענלעכע באַציונג צו דער אַרבעט, בלייבט זיין לעבן נישט פאַרשלונגען, ראַטעוועט ער זיך דורך וואַך־טרוימען – זיי פאַרשלינגען אים מער־ווייניקער.

9) די בעלער, קאָנצערטן א. ד. ג. פאַרשלינגען היבש זיין לעבן, פילט ער זיך גרינג און גוט, די וואָכעדיקע אַקטיוויטעטן

אָבער – אויב ער האָט נישט קיין פערזענלעכע באַציונג צו זיי – קענען אים אויף אַזוי פיל נישט פאַרשלינגען, בלייבט זיין לעבן ווייניקער פאַרשלונגען, פילט ער פאַסקודנע, שוועך און דערדריקט.

10) דער מענטש מוז האָבן געזעלשאַפט, ווייל שוין די אַטמאָספערע פון דער געזעלשאַפט אַליין פאַרשלינגט אַ היבש ביסל זיין לעבן.

11) מענטשן זענען געוויינלעך אינטראַווערטן, ווייל פשוט: די סטאַטישע טענדענץ איז אומגעהויער עלטער פון דער אַנט-וויקלונגס-טענדענץ און דערפאַר פונדאַמענטאַלער.

12) און ער איז גערעכט אויך, ווען אַ מענטש וואָס לעבט אַן איינגעפונדעוועטן לעבן, פאַרלאָזט זיין לאַנד, זיין היים און הויבט אָן אַ ניי לעבן מוז זיין אַן אורזאַך אין דעם, אַ זין, ווייל וואָלט עס נישט געהאַט קיין זין וואָלט ער עס נישט געטון.

אַן אייביקייט האָט ער אין דער וועלט פון נירוואַנאַ געלעבט און דאָ מיטאַמאָל אין דער וועלט פון לעבן! וואָס-זשע איז טאַקע דער זין פונם בייט? אויב דאָס לעבן האָט נישט קיין זין און קיין צוועק טאָ צו וואָס פון דער נירוואַנאַ אַרויסגיין? איז אָבער די מעשה וואָס דעם זין אינם תכלית פון דער „טויטער" וועלט ווייסן מיר דאָך אויך נישט!

באַמערקונגען:

עס זענען פאַראַן צוויי סאָרטן אַקטיוויטעטן (פאַרשלינ-גענישן): קאָנסטרוקטיווע און דעסטרוקטיווע. די קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעטן באַפרידיקן דאָס בענקשאַפט נאָך נירוואַנאַ, און אין דערזעלבער צייט שטאַרקן דאָס לעבן, העלפן אים אין זיין אַנטוויקלונג, אין זיין שווונג, טרייבן אים צו מער לעבן, די דעסטרוקטיווע – באַפרידיקן אויך, מער-ווייניקער, דאָס בענק-שאַפט נאָך נירוואַנאַ, הינדערן אָבער דעם שווונג פונם לעבן, זיין אַנטוויקלונג, שוואַכן אים אָפּ און שלעפּן אים צום טויט.

אַז אַ מענטש פאָרט אַוועק פון זיין היים און לאָזט זיך

אין דער פרעמד, איז אַזוי: איז דאָס נייע לעבן, אומגעבונג א. ד. ג. אינטערעסאַנט און פאַרשלינגען אים, פאַרגעסט ער אָן איר, איז עס אָבער נישט אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנדיק בענקט ער כסדר נאָך איר, דער היים.

דאָס איז דער כלל: וואָס מער דאָס לעבן איז פאַר־שלונגען פון קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעטן, אַלץ מער אַפּעטיט האָט מען צו אים, אַלץ געשמאַקער איז ער.

(אום צו מאַכן עס נאָך קלאָרער ווילן מיר געבן דעם פאָלגנדיקן ביישפּיל: אַ מענטש וויל זיך אָפּגעוווינען פון צו קייען טאַבאַק, אָן קייען קען ער אָבער נישט אויסקומען, וואָס זשע טוט ער? הויבט ער אָן קייען אַ זאַך וואָס איז זעטיק און נאַרהאַפטיק און האָט צו דעם טעם־עלעמענטן פון טאַבאַק. און מיט דעם געווינט ער אַ דאָפּלטן געווינס: דאָס שטילט, מער־ווייניקער, זיין בענקשאַפט נאָך קייען טאַבאַק און אין דערזעלבער צייט זעטיקט עס אים און העלפט בויען דעם קערפּער).

*

דו פרעגסט וואָס הייסט אַקטיוויטעטן פאַרשלינגען דאָס לעבן? ווי קען עס לעבן פאַרשלונגען ווערן? צי דער מענטש איז יאָ אַקטיוו, צי נישט – דאָס לעבן בלייבט דאָך אין אים אין זיין גאַנצן סכום, ער ווערט דאָך נישט פאַרמינערט!

טאָ הער: יעדער מענטש וויל זיך אויסלעבן. אמת? און וואָס מיינט אויסלעבן זיך? אויסלעבן זיך מיינט דאָס זעלבע וואָס אויסשפּייען זיך!

אַ פרוי טראָגט זיך אַרום מיט מילך־פולע בריסט, פילט זי זיך גוט דערפון? ניין! ס'איז איר שווער צו האַלטן די מילך אין זיך, וויל זי אַז אַ קינד זאָל עס זויגן. און אַז דאָס קינד זויגט ווערט די מילך נישט געמינערט און נישט פאַר־ערגערט. פאַרקערט, וואָס מער דאָס זויגט, אַלץ בעסער און

פעטער איז די מילך. און אַז דאָס קינד זויגט שוין, דאַכט זיך אויס, די גאַנצע מילך, קוואַלט אָבער גלייך אָן נייע, פרישע. זאָל אָבער דאָס קינד נישט זויגן, אַזוי וועט די מילך פאַרוואַסערט און, לסוף, אײַנגאַנצן אויסגעטריקנט ווערן.

די פרוי – דאָס איז דער מענטש. די מילך – דאָס לעבן, דאָס קינד – קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעטן. איצטער פאַרשטייסטו? אויב נישט וועל איך עס מאָדיפיצירן און זאָגן אַזוי: אַקטיווי-טעט פאַרשלינגט דאָס באַוווסטזיין פון לעבן.

וואָס דער מענטש וויל איז, ווי עס ווייזט אויס, נישט אַזוי צו אַנטלויפן פונם לעבן ווי צו באַפרייען זיך פונם לעבנס-באַוווסטזיין.

ווען דו טוסט גאָרנישט לאַנגווייליקסטו זיך שרעקלעך, פאַרוואָס איז דאָס? דאָס איז ווייל דו ביזט דאַן לעבנס-באַוווסטזיניק. ביזטו אָבער אַקטיוו, אַזוי פאַרשלינגט די אַקטי-וויטעט דיין באַוווסטזיין פון לעבן, און קוים פאַרגעסטו אַז דו לעבסט פילסטו זיך גוט און גרינג.

*

און ווידער פרעגסטו: צו וואָס גריבלען זיך, צו וואָס זוכן אורזאַכן, ווען די אורזאַכן פון אַלע מענטשלעכע האַנד-לונגען ליגן פון אויבן אויף און יעדער איינער קען זיי זען.

למשל, אַ מענטש האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און איז דערבאַר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, איז וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו גריבלען זיך אין דעם? די אורזאַך פון זיין זעלבסט-מאָרד איז דאָס פאַרלוסט פון זיין פאַרמעגן. וואָלט ער זיין פאַרמעגן נישט פאַרלוירן, וואָלט ער זעלבסטמאָרד נישט באַ-גאַנגען!

טאָ הער:

יעדע „זאַך" האָט צוויי אורזאַכן: אַן אויבנאויפיקע, אָדער צייטווייליקע און אַ פונדאַמענטאַלע. די אויבנאויפיקע אורזאַכן

זענען פיל און פאַרשידן, וויפיל באַזונדערע עפעקטן אַזוי פיל באַזונדערע אורזאַכן, אָבער הינטער די אַלע פאַרשידענע אור־זאַכן איז דאָ איין פונדאַמענטאַלע אורזאַך. מירן טאַקע נעמען דעם ביישפיל פון דעם מאַן וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליבן פאַרלוסט פון זיין פאַרמעגן. די אויבנאויפיקע, אָדער אויסערלעכע אורזאַך פון זיין זעלבסטמאָרד איז דאָס פאַרלוסט פון זיין פאַרמעגן. דאָס איז אָבער נישט די אמתע אורזאַך, ווייל אויב די איינציקע, פונדאַמענטאַלע אורזאַך פון זיין זעלבסטמאָרד וואָלט געווען דאָס פאַרלוסט פון זיין פאַרמעגן איז ווי קומט עס וואָס ווען דער זעלבער מאַן וואָלט געווען געפערלעך קראַנק, וואָלט ער מיט שמחה געלאָזט פטרן זיין פאַרמעגן אַבי צו ווערן געזונט און בלייבן לעבן?

און ווידער אַמאָל פרעגסטו, און מיט רעכט: וואָס הייסט עפעס אין אָנהויב איז די וועלט געווען אַזוי און איצט — אַזוי? אָנהויב, ווי אויך סוף, איז דאָך אַ ריין־מענטשלעכער באַגריף, הייגט ווי שיקט זיך עס צו זאָגן אַז פריער איז די וועלט געווען „טויט" און נ אָ כ ד ע ם האָט זיך פונם „טויט־לעבן אַרויסאַנטוויקלט און דעריבער טראָגט דאָס לעבן אין זיך די ירושה פונם „טויט"? אין דער נאַטור איז דאָך גאָרנישטאָ קיין פ ר י ע ר, ש פ ע ט ע ר, אָ נ ה ו י ב און נ אָ כ ד ע ם! „פריער" און „שפעטער" איז דאָך פאַרבונדן מיטן באַגריף „צייט" און „פאַרגאַנגנהייט", „געגנוואַרט" און „צוקונפט" פון דער צייט איז דאָך דאָס זעלבע וואָס „אונטן", „מיטן" און „אויבן" פון, לאָמיר זאָגן, אַ בוים. און ס'איז דאָך נישט שייך צו זאָגן אַז פריער האָט דער בוים אַן אונטן, נאָכדעם אַנטוויקלט ער זיך און קריגט אַ מיטן און מיט דער צייט קריגט ער אַן אויבן. דער אונטן, מיטן און אויבן פונם בוים עקזיסטירן גלייכ־צייטיק!

און ווידער: לויט דער דאָזיקער מעטאָפּסיכאָלאָגיע קומט אויס אַז יעדער מענטש בענקט נאָכן „טויט", נאָך דעם צושטאַנד אין וועלכן ער האָט זיך געפונען איידער ער איז אויף דער וועלט געקומען, טאָ ווי־זשע קומט עס וואָס אין דער ווירקלעכקייט

איז עס פונקט פאַרקערט? אין דער ווירקלעכקייט זעצן מיר דאָך אַז דער מענטש וויל נישט שטאַרבן, וויל נישט פאַרלירן זיין לעבנס-באַוווסטזיין, אַז מיט אַלע זיינע כוחות קלאַמערט ער זיך אינם לעבן!

ווען איך עס מאַכן פשוט און זאָגן אַזוי: דער מענטש, ווי יעדע אָרגאַנישע זאַך, באַשטייט פון צוויי גרונד-עלעמענטן, אַזוי צו זאָגן: פון „שטאָף" און „לעבן". איז דער שטאָף-טייל ציט אים צום „טויט", צו זיין אייגנטלעכער נאַטור, און דער לעבנס-טייל — צום לעבן.

איז אומבאַוווסטזיניק בענקט דער מענטש נאָך „טויט" — שטאָף איז אומבאַוווסטזיין — באַוווסטזיניק אָבער בענקט ער נאָך לעבן, — לעבן איז באַוווסטזיין.

איז אַזוי ווי „טויט" איז אַ כראָנישע „קרענק" און לעבן — אַן אַקיוטע, איז שוין קיין וווּנדער נישט וואָס ווען דאָס לעצטע איז דער מענטש מער באַוווסטזיניק.

פשוט, ווען אַ מענטש וואָס ליידט פון אַ כראָנישע קרענק קריגט פלוצלינג אין צוגאָב אַן אַקיוטע, פאַרגעסט ער אָן דער כראָנישער און די אַקיוטע פאַרנעמט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט.

דאָס הייסט נאָך אָבער נישט אַז די כראָנישע קרענק איז פאַרשוווּנדן!

ד

„לא טוב היות האדם לבדו". ס'איז אומעטיק צו זיין אַליין, זאָגט דער מענטש, און זוכט דערפאַר געזעלשאַפט.

וואָס איז די אורזאַך פון דעם? וואָס איז דער מעכאַניזם וואָס מאַכט אַז דער מענטש זאָל נישט קענען זיין אַליין און ער זאָל זוכן געזעלשאַפט?

אַריינגעטראַכט האָב איך זיך לעצטנס אין דעם ענין פון אַליינזיין אָבער צו קיין באַשלוס נישט געקומען.

אין אָנהויב בין איך געווען גענויגט צו דענקען אַז די אורזאַך פון דעם, וואָס אַ מענטש קען נישט זיין אַליין, און וואָס ער זוכט שטענדיק געזעלשאַפט איז: געשלעכט. די מעשה איז אַזוי: דער פונדאַמענט פונם לעבן איז געשלעכט, ראַסן-פּראָפּאַגאַציע. — דער, פון אויבנאויף גענומען, דאָמינירנ-דיקער זעלבסט-פּרעזערוואַציע אינסטינקט איז נישט מער ווי אַ מיטל צום ראַסן-פּראָפּאַגאַציע אינסטינקט און נישט אַ זעלבסט-צוועק! — און צו דער פּראָפּאַגאַציע פון דער ראַסע זענען נויטיק צוויי מענטשן.

איז פריער איז עס, אין עצם, אַ ריין-ביאָלאָגישער דראַנג אָט דאָס זוכן אַ צווייטן מענטשן, שפּעטער אָבער ווערט עס אַ פּסיכאָלאָגישער, אַן אויסגעברייטערטער, אַ „סובלימירטער".

שפעטער אָבער איז מיר איינגעפאַלן, אַז ס'איז גאָרנישט נויטיק צו קריכן אויף די גלייכע ווענט פון מעטאַפּסיכאָלאָ-גישקייט אום צו פאַרשטיין דאָס. עס קען גאָר זיין אַז די אורזאַך פון דעם איז זייער אַ פּשוטע. איך קען אַזוי זאָגן: דאָס נישט קענען זיין אַליין נעמט זיך נישט פון געשלעכט און אויך נישט פון דעם וואָס דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכע חיה, און דאָס אַליינזיין איז אַ ווידערשפּרוך קעגן דעם אור-שפּרינגלעכן, אומאויפלייזבאַרן סטאַדע-אינסטינקט, וואָס איז איינגעבוירן אינם מענטשן. — דער דראַנג צו ווערן זיין איז געזעלשאַפט, דער באַגער צו ווערן זיין באַהעפט מיט אַ מאַסע — מעג די מאַסע באַשטיין פון איין מענטשן! — איז נישט אַן איינגעבוירענער אינסטינקט, נאָר אַ דערוואָרבענע געוווינהייט, ווייל ווי נאָר דער מענטש קומט אַריין אין דער וועלט, אַזוי פאַלט ער גלייך אין געזעלשאַפט אַריין. און זייענדיק די גאַנצע צייט פון זיינע צאַרטסטע קינדער-יאָרן אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן — די מאַמע, אָדער די אַם, טרעט דאָך כמעט נישט אָפּ פון אים! — ווערט עס ביי אים אַן אומאויסוואָרצלבאַרע געוווינהייט אָט דאָס ווערן זיין צווישן מענטשן.

* *

*

„אַז מען לעבט אַן אָפּגעריסענער פון דער וועלט, פון מענטשן און געשעענישן, — האָט געזאָגט בעל מחשבות אין אַ געשפּרעך מיט מ. גערצין — טריקענען די געדאַנקען אין קאָפּ און עס ווערן אין מוח געבוירן מחשבות פרעמדע דיין שטייגער און וועלט-באַנעם".

ניין, ס'איז נישט ריכטיק, זאָג איך. אַז מען לעבט אַן אָפּגעריסענער פון דער וועלט און אירע געשעענישן, דאַן געפינט און דערקענט דער מענטש זיך אַליין. דאַן ווערן די געדאַנקען זיינע פאַרטיפט און געלייטערט און ער, דער מענטש, דערזעט זיין אייגענעם זעלבסט, זיין אינטימער נשמה,

דאָן קומען אַרויף צום באַוווסטזיין (און נישט „ווערן אין מוח געבוירן") מחשבות וואָס זענען א י י ג ן זיין אינערלעכן וועלט־באַנעם, מחשבות וואָס זענען אינם האַרץ פון זיין נשמה פאַר־באָרגן געווען און נישט געקענט אַנטפּלעקן זיך צו זיין באַוווסטזיין, צוליבן טומל און גערודער פון דער וועלט און אירע געשעענישן.

* *
*

ואם לא עכשיו — אימתי?

יעדער מענטש וויל לעבן נישט ווי ער קען, נאָר ווי ער וויל. אַזוי ווי אָבער פון ווען ביז קענען איז אַ ווייטער מהלך, טראַכט ער זיך אַזוי: איצטער וועל איך לעבן ווי איך קען אין שפּעטער, אַז איך וועל זיך שוין האָבן איינגעאָרדנט אין לעבן, וועל איך אָנהויבן לעבן ווי איך וויל.

פון אויבנאויף געגומען איז דאָס גאַנץ לאָגיש, די צרה אָבער איז, אַז ביז ער אָרדנט זיך איין אין לעבן שטאַרבט ביי אים אַוועק דער ווילן צו לעבן ווי ער וויל.

אַזאַ מענטש, אַ מענטש וואָס וויל זיך פריער צופּאַסן צום לעבן און זיך איינאָרדנען אין אים, זאָל זיך אַריינטראַכטן אין דעם פאָלגנדיקן פאַל:

עס טרעפט: דו כאַפּסט זיך אויף אינדערפרי, די אויגן קלעפּן זיך דיר און דו פילסט אַז ווען דו ליגסט נאָך אַ פּאָר שטונדן וואָלסטו זיך פשוט מחיה געווען. דו דאַרפסט אָבער געוויסע זאַכן דערליידיקן, טראַכסטו: איצטער וועל איך אויפשטיין און אַז כ'וועל פאַרטיק ווערן מיט די געשעפטן וועל איך דאַן צולייגן זיך. דאַן וועל איך האָבן אַ סך צייט און וועל קענען שלאָפן ביז וואַנען איך וועל וועלן. און דו שטעלסט זיך פאָר ווי געשמאַק דו וועסט שלאָפן דאַן און מיט

די דאָזיקע געדאַנקען שטייסטו אויף. אָבער נאָכדעם ווי דו ווערסט פאַרטיק מיט דיין אַרבעט און קומסט אַ היים און ווילסט זיך צוליגן, כאַפּסטו זיך אַז דו האָסט אינגאַנצן פאַר־לוירן דעם חשק צו שלאָפן.

* *
*

„אין הדבר תלוי אלא בי".

קיינער קען דיך נישט באַליידיקן און ערגערן, אויב דו אַליין ווילסט זיך נישט באַליידיקן און ערגערן.

דו זאָגסט, אַז דאָס ווענדט זיך נישט אָן דיר, אַז יענער באַליידיקט דיך און פאַרשאַפט דיר ערגערנישן מוזסטו זיך פילן באַליידיקט און געערגערט, קענסט זיך נישט העלפן?

הער: יעדער מענטש טראָגט אין זיך קראַנקמאַכנדיקע באַצילן און מיקראָבן. איז כל-זמן זיין קערפּער איז אין אַ גוטן צושטאַנד, נישט אָפּגעשוואַכט, קענען זיי אויף אים קיין שליטה נישט האָבן. נאָר דאַן ווען דער קערפּער ווערט אָפּגעשוואַכט קענען זיי אים קראַנק מאַכן.

פאַרשטייסט, די באַצילן און מיקראָבן זענען שטענדיק אין דיר און שטענדיק זוכן זיי אַ געלעגנהייט דיך קראַנק צו מאַכן. דאָס ווענדט זיך אָבער נישט אָן זיי, נאָר אָן ד י ר!

... און אַז דו פאַרנאַכלעסיגסט דיין קערפּער און ער ווערט קראַנק, זאָלסטו נישט זאָגן אַז דו ביזט נישט שולדיק אין זיין קרענק. די באַצילן האָבן אים קראַנק געמאַכט און דו האָסט זיך נישט געקענט העלפן! —

... און אפילו קראַנקערהייט קענטסו די באַצילן טויטן, אַז נישט איז כאָטש אָפּשוואַכן זיי מיט דעם וואָס דו וועסט אָנהויבן אַכטונג געבן אויף דיין קערפּער, אים אָפּהיטן און שטאַרקן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דיין נשמה.

ווען זי איז געזונט, ווען זי האָט די נויטיקע „וויטאַ-מינען", לעבנס-אינטערעסן, דאַן קענען די באַצילן פון באַליי-דיקונג און ערגערנישן אויף איר קיין שליטה נישט האָבן, נאָר דאַן ווען דיין נשמה איז אָפּגעלאָזט, פאַרשמאַכט און אָפּגעשוואַכט, נאָר דאַן באַליידיקסטו זיך און ערגערסט זיך פון יעדער קלייניגקייט.

געדענק זשע! אויב דו פילסט זיך באַליידיקט פון עמיצנס אַ באַמערקונג, אויב יעדע קלייניגקייט פאַרשאַפט דיך ערגער-ניש און וואַרפט זיך אַריין אין שלעכטע שטימונגען, זאָלסטו וויסן זיין, אַז דיין נשמה איז נישט מיט אַלעמען און זאָלסט זען שטאַרקן זי, געבן איר די נויטיקע שפייזן זי זאָל קענען ווידערשטיין די אַטאַקעס פון די אַלע קראַנק-מאַכנדיקע באַצילן.

און נישט נאָר איז עס אַזוי בנוגע זיך פילן באַליידיקט און געערגערט, נאָר אויך בנוגע נערוועזיטעט און וואָס שייך דאָס נשמה-לעבן בכלל.

* *
*

גפטראַכט:

די שטערן זענען שטענדיק אין הימל. סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט.

נישט זיי גייען אויף ביינאַכט, נאָר זיי ווערן זעבאַר.

דאָס וואָס מיר זעען זיי נישט בייטאָג איז ווייל דאַן שיינט די זון.

דאָס ליכט פון דער זון פאַרשטעלט און פאַרטונקלט דעם שיין פון די שטערן.

מיטן מענטשנס פסיכישן לעבן איז אויך אַזוי.

די שטערן — דאָס זענען די פאַרשידענע פאָרמען און סימפטאָמען פון דעם מענטשנס גייסטיקע צערודערונגען און אומאָרדנונגען.

די זון — דאָס איז אַ לעבנס־שטייגער וואָס איז אין האַר־מאָנישער איינהייט, אינטעגרירט.

כּל־זמן עס שיינט די זון זענען די שטערן לחלוטין אומזעבאַר, זיי עקזיסטירן דאַן נישט פאַר אונדז. ערשט דאַן ווען די זון פאַרגייט, אַנטפּלעקן זיי זיך פאַר אונדז.

די שטערן זענען נישט „באַקפּרונגען" פון דער „פאַר־דרענגטער" זון, נאָר „סובסטאַנציאָנעלע", פאַרזיכיקע „זאַכן"

וואָס זוכן תּמיד אַ געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן זיך און ווי זיי געפינען נאָר די געלעגנהייט, אַזוי אַנטפּלעקן זיי זיך. קוים אָבער באַווייזט זיך די זון, אַזוי פאַרשווינדן זיי פון אונדזער אויג און זיי הערן אויף צו עקזיסטירן פאַר אונדז.

* * *

געטראַכט:

דער מענטש וואָס הויבט זיך אָן אויפפירן „מאָדנע", אומגעוויינלעך, נישט-נאָרמאַל איז נישט מער משוגע ווי דער מענטש וואָס הויבט זיך אָן וואַקלען, בויגן זיך און מאַכן מיט די הענט ווען גייענדיק שטויסט ער זיך אָן עפּעס אָן, און וויל זיך פאַרהיטן פון פאַלן.

דאַכט זיך אַ קלאָרער, קלוגער און אַנשטענדיק-באַלעבאַטישער מענטש אין געוויינלעכן לעבן. זיין גאַנג איז געלאַסן און מיושבדיק, קוים אָבער קומען זיינע פיס אין צוזאַמענשטויס מיט אַ וועלכן-נישט-איז געגנשטאַנד, אַזוי הויבט ער אָן פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט און הויבט אָן פּראַווען „משוגענע" שטיק: וואַקלט זיך, שאָקלט זיך, קוליעט זיך און מאַכט מיט די הענט ווי אַ נישט-גוטער וואָלט אין אים אַריין.

צוקוקנדיק צו דער סצענע ווי אַזוי ער סטאַרעט זיך זיין גלייכגעוויכט צו קריגן, וועלן מיר אפשר שמייכלען, אָבער בשום-אופן נישט באַטראַכטן אים אַלס „צודרייט" אָדער משוגע, און דאָס איז ווייל מיר ווייסן אַז די אַלע „משוגענע שטיק" איז פאַר אים אַ צייטווייליקע נויטווענדיקייט אום איינגאַנצן נישט צו פאַלן.

נו, אַזוי איז דאָך אָבער אויך בנוגע דעם מענטשנס פּסיכישע נישט-נאָרמאַלע אויפפירונגען!

אגב, אי דער וואָס האַלט פיזיש אין פאַלן און אי דער וואָס האַלט פּסיכיש-עמאָציאָנעל אין פאַלן, פירן זיך אויף, ווי

זיי פירן זיך אויף לחלוטין אומבאַוווסטזיניק. דאָס זענען שוין אַזעלכע פאַרהיטונגס־מעכאַניזמען וואָס אַרבעטן אין זיי אָן זייער וויסן.

* *
*

געטראַכט:

ווען דער נעוראַטיקער וואָלט כאָטש אַ העלפט פון דער ענערגיע וואָס ער פאַטערט אויף אָנצוהאַלטן און פאַרטיידיקן זיין פאַלשן לעבנס־פּלאַן און אויף דער אויסאַרבעטונג, פאַר־בעסערונג און באַשיצונג פון די אינסטרומענטן פאַר דעם — נעוראָזן, — ווען ער וואָלט כאָטש אַ העלפט פון דער ענערגיע וואָס ער פאַטערט אויף דעם, אויף דער דערגרייכונג און רע־אַליזירונג פונם אמתן לעבנס־פּלאַן פאַרטון — וואָס פאַר אַ פיינעם, געזונטן און זאַפטיקן לעבן ער וואָלט דאַן געהאַט! ער וואָלט דאַן געוועז אי צו זיך, אי צו לייטן.

דאָס איז אָבער גערעדט געוואָרן וועגן געוויינלעכע, מיטל־מעסיקע מענטשן און נישט וועגן קינסטלער. ווייל דאָס, וואָס עס מאַכט דעם בטבע געוויינלעכן מענטשן פאַר אַ נע־וראַטיקער, פאַר אַ־ אָדער אַנטי־סאָציאַל, מאַכט דעם פּאָטענציעלן קינסטלער פאַר אַ קינסטלער בפועל, פאַר אַ — פון דער גע־זעלשאַפטס שטאַנדפּונקט — נוצלעכן און וויכטיקן מענטשן.

דער בטבע פשוטער מענטש וואָס ווערט נעוראָטיש איז געגליכן צו אַ מענטשן ביי וועמען אַ ביינדל בלייבט שטעקן אין בית הבליעה: ער הוסט, ווערט בלוי און איז ממש אויסער זיך. אָבער דער פּאָטענציעלער קינסטלער איז געגליכן צו אַן אויסטער אין וועמענס האַרץ עס כאַפּט זיך אַריין אַ פּאַראַזיטל, אָדער אַן אַנדער וועלכער נישט איז געגנשטאַנד וואָס האַלט אים אין איין רייצן: ער גייט נישט אַרויס פון די כלים. וויסנדיק אַז ער קען אים נישט אַרויסשטופן, דעם פּאַראַזיטל,

הויבט ער אים אָן אַרומוועבן מיט פּערל־סובסטאַנץ, אַזוי אַז אַנשטאָט ווערן קראַנק, „נעווראָטיש", באַשאַפט ער גאָר אַ פּערל אַ לויטערן!

* *
*

אומפּרוכטבאַרער נעווראָטיקער, ווּעסטוּ אַ מאָל באַפרייען זיך פון דיינע הינער־אויגן?

ווי ענגע שיך טראָגסטוּ דאָס לעבן אויף די פיס פון דיין נשמה, און ער דריקט דיך, און פול מיט הינער־אויגן זענען דיינע פיס. און רירט מען זיי נאָר אָן אַזוי הויבסטוּ אָן שרייען פון גרויס ווייטאָק.

דוּ אַליין האָסט די שיך קליין און ענג געמאַכט און איצטער באַקלאָגסטוּ זיך אויף די הינער־אויגן דיינע!

ער, ווען דוּ וואָלסט געקומען צום שכל און וואָלסט גערעאָמערע שיך אָנגעהויבן טראָגן, — פאַרשווונדן געוואָרן וואָלטן די הינער־אויגן דיינע און דוּ וואָלסט געגעזן געוואָרן! דוּ ווייסט אָבער נישט פון דעם. אָנשטאָט גרעסער און גערעאָמער צוּ מאַכן די שיך פון דיין לעבן מאַכסטוּ זיי נאָך קלענער און ענגער, נאָך איינגעקרעמפּטער און איינגעשרומפּטער און דוּ ליידסט!

— ווּעסטוּ אַ מאָל באַפרייען זיך פון די הינער־אויגן דיינע?

*　　*
*

שעפערישלאָזער טרוימער, וועסטו אַמאָל אַ שמעטערלינג ווערן?

ווי דער קאַטערפּילאַר אויף האָסטו זיך צונויפגעקאָרטשעט און מיט אַ געוועב פון טרוימען, פאַנטאַזיעס און קאָמפּענסאַטאָרישע פיקציעס זיך אַרומגעוועבט. ליגסטו אין דעם דאָזיקן געוועב, ווי אין אַ תּפיסה, פאַרשלונגען אין זיך אַליין און צעפּאַלן ווערן די גלידער פון דיין נשמה און דו ווערסט אַ גרויסע, פאַרמלאָזע מאַסע, פאַרהוילן פונם אויג פון דערווירקלעכקייט.

וועסטו אַמאָל צערייסן דעם געוועב מיט וועלכן דו אַליין האָסט זיך אַרומגעוועבט, און אַרויסרייסן זיך אין דער וועלט אַריין, ווי אַ ניי-געבוירענער, פיל-קאָלירנדיקער שמעטערלינג און אַרום דאָס ליכט פון וועלט און לעבן אָנהויבן אַרומפליען?!

*　　*
*

מאַטעריעלע, דערוואָרבענע זאַכן האַלט דער מענטש פאַר זיך בלויז. שווער איז אים צושיידן זיך מיט זיי, אפילו מיט אַ טייל פון זיי.

גייסטיקע, איינגעבוירענע „זאַכן" איז אים שווער צו האַלטן בלויז פאַר זיך, ער וויל זיך טיילן מיט זיי מיט דער גאַנצער וועלט.

מאַטעריעלע זאַכן וויל דער מענטש וואָס מער אַריינעמען, גייסטיקע — אַרויסגעבן.

באַווייזט עס: פון דער נאַטור איז דער מענטש נישט קיין עגאָיסט, נישט זעלבסט זיכטיק. בלויז דערוואָרבענע זאַכן, זאַכן וואָס זענען מחוץ אים, האַלט ער פאַר זיך. אָבער נישט זאַכן וואָס קומען צו אים פון דער נאַטור, וואָס זענען אייב־געבוירן אין אים.

VIII

זונטיק.

היינט האָט מיך מיין חבר עקס באַזוכט. אַ צער איז מיר געווען צו קוקן אויף אים. אַזוי איז ער אַ מענטש ווי אַלע מענטשן. האָט אַן אייגענעם גרויסן שאַפּ מיט אַ סך אַרבעטער און איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, זיין לעבן אָבער איז פּוסט, אינהאַלטסלאָז און טעם-לאָז. האָט נישט קיין אילוזיעס און קיין ביסל ענטוזיאַזם און איז פול מיט ציניזם און ביטול צו אַלץ און אַלעם. ער האָט לגמרי נישט פאַרוואָס צו לעבן און מחמת דעם איז זיין לעבן, ווי דער גאַנג פון אַ מענטשן וואָס בלאָנדזשעט אָן אַ ציל, וואָס וואַנדערט אַרום אָן אַ וועלכן נישט איז צוועק — אַזוי אומזיכער און אומרויק, אַזוי ציללאָז און צוועקלאָז.

פאַרשווונדן געוואָרן איז דער כלאָראָפיל פון זיין לעבן און איצטער איז עס, דאָס לעבן זיינס, געל און פאַרוועלקט. די זון שיינט איבער אים ווי אַלעמאָל, ער האָט אָבער נישט קיין כלאָראָפיל וואָס זאָל די זונשטראַלן אַריינזאַפּן אין זיך און אין לעבעדיקן סובסטאַנץ פאַרוואַנדלען זיי.

— דיר איז גוט, מאַכט ער צו מיר, דו האָסט אילוזיעס, האָסט ענטוזיאַזם, איך אָבער בין דיסאילוזיאָנירט, האָב פּשוט נישט פאַרוואָס און צוליב וואָס צו לעבן, און דערפאַר בין איך אומרויק אַזוי, דערפאַר האַלט עס מיך שטענדיק אין איין יאָגן.

* *
*

מאָנטיק.

מיט וואָס פאַר אַ צער און מיטלייד האָב איך עס נעכטן אויף צעקסן געקוקט! באַדויערט האָב איך אים וואָס זיין לעבן איז אַזוי פּוסט און טעם-לאָז, וואָס ער האָט נישט קיינע אידעאַלן, קיינע שטרעבונגען, קיינע אינטערעסן וואָס זאָלן אים פאַרכאַפּן און פאַרשלינגען. און צופרידן בין איך געווען וואָס מיט מיר איז עס נישט אַזוי, וואָס מיין לעבן איז אינהאַלטספול, פול מיט זאַפט און דינאַמישקייט (אין אינטעלעקטועלגייסטיקן זין), וואָס איך בין נישט איינגעשפּאַרט אין די ענגע ווענט פון מיין פּערזענלעכער, פּסיכישער וועלט.

ווי גוט איז מיר, האָב איך געטראַכט, וואָס איך האָב נישט קיין פּערזענלעך לעבן; וואָס מיין ליבידא איז נישט באַגרענעצט אויף זיך אַליין, נייערט באַהעפט מיטן גרויסן שטראָם פון וועלט און לעבן; וואָס מיין באַוווסטזיין איז נישט אַן ענג-פּערזענלעכער, נאָר אַ קאָסמישער; וואָס די פּראָבלעמען פון פילאָזאָפיע, פּסיכאָלאָגיע און פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט בכלל זענען מיינע פּראָבלעמען און פאַלגליך איז מיין לעבן אַ ברייטער, אַ טיפער, אַ שעפערישער, פול מיט כלאָראָפיל.

היינט האָב איך זיך אַ חשבון-הנפש אָפּגעגעבן. בין איך טאַקע צופרידן מיט מיין לעבן? און מיט שטומען צער געענטפערט זיך: ניין!

וואָס האָב איך דען פון מיין לעבן, וואָס גיט עס מיר? לייענען, שטודיר, גריבל זיך, שרייב — איז דאָס דען דער תכלית פון לעבן? און פאַרשאַפט עס מיר דען טיפע צופרידנהייט און מנוחת-הנפש? דאָס איז דאָך נישט מער ווי פאַרטויבונג!

פאַרזוכט שוין, כמעט, פון אַלע קוואַלן פון דער מאָדערנער קולטור און וויסנשאַפט, שוין געשריבן — גוט צי שלעכט —

דאָס איז נישט וויכטיק — וועגן אַזויפיל פּראָבלעמען פון מענטש און לעבן, שוין געגעבן אויסדרוק צו אַזויפיל שטימונגען, געפילן, אַנונגען און וויזיעס — איז דאָס אָבער לעבן? דאָס איז דאָך בלויז אַ מקום-מקלט פון לעבן!

דאָס גריבלען זיך אין די פּראָבלעמען פון וועלט און לעבן איז דאָך בלויז אַ מיטל ווי צו אַנטלויפן פון וועלט און לעבן, איז דאָך בלויז אַן „ערזאַץ" פאַרן לעבן!

פאַרזוכט שוין, כמעט, פון אַלע קוואַלן פון דער מאָדערנער קולטור און וויסנשאַפט. איז מיין וויסן אָבער פאַרמערט געוואָרן, איז מיין קענטשאַפט פאַרגרעסערט געוואָרן?

אַמאָל, ווען איך האָב געשלונגען טעקסט-ביכער איבער עלעמענטאַרער פיזיק, כעמיע, אַסטראָנאָמיע, ביאָלאָגיע א. אַ. וו. בין איך אַ גאַנצער ווייסער געווען. האָב אַ קלאָרן, באַשטימטן וועלט-בילד געהאַט. איצטער אָבער אַז איך האָב זיך אַ קאַפּיטשקע באַקענט מיט דער מאָדערנער וויסנשאַפט בכלל און מיט אַסטראָ-פיזיק בפרט, ווייס איך לחלוטין נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך געפין זיך!

איינשטיין און פּלאַנק, הייזענבערג און שרעדינגער, דזשינס און עדינגטאָן און די איבעריקע פון זייער חברותא האָבן פון מיין קלאָרער וועלט אַ תּיל-תּל געמאַכט, און איצטער האָב איך זיך אַרומגעזען אַז איך הויב לגמרי נישט אָן צו וויסן עפּעס. און ס'איז נאָך אַ דאַנק דעם אויבערשטן וואָס איך קען זיי נישט צוקייען און פאַרדייען ווי עס געהער צו זיין. וואָלט איך זיי מער פאַרשטאַנען וואָלט איך נאָך מער נישט געוווּסט...

די מעשה איז גאָר אַז וואָס מער איך ווייס, אַלץ מער ווייס איך ווי ווייניק איך ווייס, און ווי ווייניק די אַלע וויסנשאַפטסלייט ווייסן!

נישטאָ מער די זיכערע, פעסטע וועלט פון אורזאַכליכקייט, פון שטרענגן, מעכאַניסטישן דעטערמיניזם. צעשמעטערט האָבן זיי, די היינטיקע וויסנשאַפטסלייט, די געזעצן פון אורזאַכליכקייט און געבליבן איז בלויז וואַרשיינלעכקייט. און נישט

נאָר איז עס ביי מיר אַזוי מיט די עקזאַקטע וויסנשאַפטן. נאָר אויך מיט פּסיכאָלאָגיע.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך צום ערשטן מאָל מיט פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָאַנאַליז באַקענט, מיט פּסי-כאָלאָגיע — פון די לעקציעס פון פּישל שניאורסאָן, און מיט פּסיכאָאַנאַליז — פון מיינע געשפּרעכן מיט מיין חבר סעם זאַ-בינסקי, — בין איך געוואַלדיק באַגייסטערט געוועזן. נייע, אומבאַקאַנטע וועלטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר, און כ׳האָב געמיינט אַז איך בין זעענדיק געוואָרן. פאַר אַ גאַנצן ווייסער האָב איך זיך באַטראַכט און בין גליקלעך און צופרידן געוועזן וואָס ענדלעך האָט זיך די וועלט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק אַנטפּלעקט פאַר מיר, און איך בין אַן אַלץ-זעער און אַן אַלץ-פאַרשטייער געוואָרן!

איצטער אָבער אַז איך בין אין פּסיכאָאַנאַליז אַ שטיקל בן-בית געוואָרן — איצטער האָב איך זיך ערשט אַרומגעזען אַז אויך אין דעם בין איך אַן עם-הארץ. אַז אויך דאָס איז נישט מער ווי וואַרשיינלעכקייט. אפשר אַזוי און אפשר אַנדערש. נישטאָ ביי מיר מער קיין זיכערהייט

פאַרלוירן אַלע וועלטן און מיט זיי מיין גאַנצן וויסן. איז מילא מיט די פאַרלוירענע אַבסטראַקטע וועלטן, איך האָב אָבער אויך מיין גלויבן אין דעם מענטשן פאַרלוירן. און דאָס פאַרדריסט מיך ביזן ביין.

דער מענטש איז פאַריתומט געוואָרן. פאַרלוירן זיין טאַטן — גאָט, פאַרלוירן זיין האָפנונג אויף אַ חיי עולם הבא. אַ קיילעכדיקער יתום געוואָרן. איינער אַליין אין אַ קאַלטער, גלייכגילטיקער וועלט פון נאַטור-כוחות, אַ קליין זעמדעלע אויפן ים-ברעג פון אומגעהויער גרויסן, נישט אויסצומעסטנדיקן אוניווערז. אויף קיינעם האָט ער מער נישט צו האָפן, נאָר אויף זיך אַליין. איז עס פאַרדריסלעך ביזן סאַמע ביין, וואָס ער איז אַזאַ אכזר אויף זיך אַליין.

„דער מענטש איז צום מענטשן אַ וואָלף״. אַנשטאָט די

מענטשן אין זייער איינזאַמקייט און עלנד — הן אין סאָציאַלן, הן אין קאָסמישן זין — זאָלן זיך טוליען איינער צום אַנדערן, זאָלן העלפן איינער דעם צווייטן; אָנשטאָט איינצופירן אַן אָרדנונג ווו עס זאָל הערשן דער כלל „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם" — אָנשטאָט דעם וואָס זעען מיר? מיר זעען אַן אָרדנונג וואָס איז — צו באַנוצן זיך מיט א. ש. זאַקסעס ווערטער — געגליכן צו אַ משוגעים הויז, ווו אַלע לויפן, שמאַ-יען, האַווען פאַר דעם שטיקל ברויט, ווו איינער שטויסט דעם צווייטן, זוכט צו פאַרכאַפּן זיין פרנסה, אונטערגראָבן זיין עק-זיסטענץ; אַן אָרדנונג ווו עס הערט זיך בלויז דער קלאַנג פון דער מטבעה, ווו עס קומט-פאָר אַ קאַמף, אַ געראַנגל פון אַלע קעגן אַלע; אַן אָרדנונג ווו עס הערשט נישט „קעגנזייטיקע הילף", נאָר „קאַמף פאַר עקזיסטענץ".

און נישט נאָר היינטיקע אָרדנונג איז אַזאַ. אַזוי איז געווען — כאָטש אויף אַן אַנדער אופן — ביז היינט, און אַזוי וועט זיין ביזקל סוף פון דעם מענטשלעכן מין. איז האָב איך נישט, נישט קיין וועלט און נישט קיין מענטשן, איז מיר מיין לעבן פשוט איבערדריסיק. שוין אָפּגערעדט פון צו זיין גליקפול!

מיין נשמה ווייסט נישט פון קיין גליקזעליקייט, פון טיפע, אינטימע צופרידנהייט. איך לעב בלויז מיט גייסט אָבער דער גייסט אַליין איז מיר שוין נמאס געוואָרן!

טאָמער בין איך אַמאָל יאָ צופרידן איז דאָס בלויז אין נעגאַטיוון זין. איך פיל נישט קיין ווייטיק און ליידן — דאָס איז מיין צופרידנהייט. ווו נעמט מען מיר אָבער פאָזיטיווע פרייד! אַ פרייד וואָס זאָל מיך איינגאַנצן פאַרשלינגען, אַ צו-פרידנהייט וואָס זאָל שטראָמען אין אַלע טיילן פון מיין קער-פער ווי דאָס בלוט. איך זאָל זיין פול מיט איר!

אָבער אויך צופרידנהייט איז ווייניק פאַר מיר. פאַסיווע צופרידנהייט גיט מיר גאָרנישט, וואָס איך וויל און דאַרף און מוז האָבן איז אַקטיווע, דינאַמישע פרייד און צופרידנהייט:

עקסטאַז, ענטוזיאַזם, אַלץ העכער און העכער שטייגנדיקע התלהבות. נישט אָפּרו פון לעבן נאָר צופלוס, נאָר שטייגערונג און דאָס האָב איך נישט.

* *
*

מיט מיין לייענען איז פונקט ווי מיט מיין באָדן זיך: קאַלט, צי וואַרעם — איך גיי מיר אַריין אינם וואַסער, טויך, שווים און האָב הנאה, עס ווילט זיך מיר פונם וואַסער גאָר־נישט אַרויסגיין, בין איך אָבער אַ לאַנגע צייט אינם וואַסער ווערט מיר קאַלט און איך מוז אַרויסקומען אויף דער יבשה און זיך אָנוואַרעמען אָן די שטראַלן פון דער זון. אַזוי איז אויך מיט מיין לייענען.

איך האָב זיך לעצטנס אין די קלאָרע, כוואַליעדיקע שטראָמען פון פסיכאָלאָגיע און פסיכאָ־אַנאַליז אַריינגעוואָרפן. האָב געפּטויכט און געשווומען מיט הנאה און זיך געפילט גוט, פריש און מונטער, מיר האָט אָבער אָנגעהויבן ווערן קאַלט, נו, האָב איך באַשלאָסן צו אָנוואַרעמען זיך אָן די ווייכע, גלעטנ־דיקע, וואַרעמע שטראַלן פון פּאָעזיע, און היינט האָב איך געמאַכט דעם אָנהויב.

* * *

... און אַלע זייערע געפילן
געפאַנגען זענען ביי דעם ווילן
צו דערגרייכן
די הימלישע הויכן...

נישט זיי שלאָפן, נישט זיי רוען,
האַלטן נאָר אין בויען, בויען
דעם טורעם פון בבל...

איך נאָר איינער, ווי אַן אבל,
איין-אַליין ביי זיך אין צימער
זיץ און קוק שטיל וואָס זיי טוען,
ווי זיי בויען, בויען, בויען
פאַר זיך אַליין אַ תפיסה...

* *
*

איך באַוווּנדער די מענטשן וואָס באַזיצן וויסן, ליבן ליב איך אָבער די מענטשן וואָס באַזיצן חכמה.

וויסן איז בלויז דער וועג צו חכמה און אָפטמאָל אַ פאַרפּירערישער וועג.

דעם ענד-ציל חכמה קענסטו דערגרייכן נישט האָבנדיק געגאַנגען אויף די וועגן פון די ווייסער.

וויסן קומט פון דרויסן אינווייניק אַריין, חכמה – פון אינווייניק אינדרויסן אַרויס.

אַ קוועלכעלע דאַרף זיך נישט פילן מינדערווערטיק געגן אַ גרוב וואָס איז פול מיט אָנגעגאָסן וואַסער.

די גרוב איז טאַקע גרויס און פול מיט וואַסער, זי איז אָבער אַן אָנגעגאָסענע.

איך בין דאָס רוב אַ חכם.

איך בין דאָס רוב אַ חכם. די צרה איז אָבער, וואָס מיט מיר איז פונקט ווי מיט די חכמים פון אַטען, כל-זמן זיי זענען געווען אויף זייער אייגענער ערד זענען זיי געוואַלטיקע חכמים געווען, קוים אָבער האָבן זיי זיך געפונען אויף פרעמדער ערד, אַזוי האָבן זיי זייער קלוגשאַפט פאַרלוירן און בעמזט וואַסער-טרעגער ווערן...

אין מיין וועלט בין איך קלוג, קום איך אָבער אַרויס פון מיין וועלט, אַזוי ווער איך נאַריש און אומבאַהאָלפן. נאַריש, ווייל אומבאַהאָלפן.

וואָס אַנבעלאַנגט כונה בין איך שיין, טיף און דערהויבן, אָבער וואָס שייך אויסדרוק בין איך זייער פשוט, אויבער־פלעכלעך און אומאינטערעסאַנט.

איך שרייב אַ טאָג־בוך. פאַרשרייב מיינע אַלע געדאַנקען, טראַכטעונישן און געפילן, אָבער ווי אָרעם און בלאַס איך קוק אויס אין דעם שפיגל פון מיין טאָג־בוך! אָבער אין ווידער די זעלבע געדאַנקען און געפילן. לעבן... טויט... אומעט... אומצופרידנהייט...

דריי זיך אַרום אינם ענגן קרייז פון מיינע געדאַנקען און געפילן, ווי די פליגלען פון אַ ווינט־מיל, און שטיי אויף איין אָרט. און ווי אָרעם און באַשרענקט און באַגרענעצט איז מיין אויסדרוקס־פעיקייט!

יעדער נישטיקער און פלאַכער זשורנאַליסט שרייבט און דריקט זיך אויס נישט אין ערך בעסער, קלאָרער און גרינגער ווי איך. וועגן אַלץ אין דער וועלט קען אָט דער זשורנאַליסט שרייבן, בערג גאַנצע קען ער אָנשרייבן איבער אַ ליאַדע קלייניקייט, און מיר קומט אָן אַזוי שווער דאָס אויסדריקן דעם קלענסטן געדאַנק און פשוטסטן געפיל.

איך שרייב אַ טאָג־בוך. דער טאָג־בוך איז אָבער בלויז דער שאָטן פון מיין לעבן, ער איז בלויז דער אויבערפלעכלעכער שוים פון דעם ים פון מיין פסיכיק.